בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קמ"ב

יו"ל: י"ג תמוז ה'תשפ"ד לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30 יש להתקשר:

**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

**בקו 'מערכת ברסלב'**

ארה''ק: 02.560.7387

ארה''ב: 646.585.2985

ענגלאנד: 0330.390.0487

בעלגיע: 03.808.1775

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:

**#2.1.2.1.1 ואח"כ #142**

# תוכן השיעור

**בשמחה תמיד**

**התעוררות נאר מיט התחזקות**

**ווינציגער א קוק!**

**"טוה מיר אָן א באָרד"...**

**דער דריי-און-דרייסיגסטער שבח!**

**א ריינע באָרד!**

**אוועקגעפארן ביי דער לויה**

**שלאף נישט!**

**אויף מיר וואלט איר געקריגט?!**

**זיין איינציגסטע טרייסט**

**דער גוסס זיצט און האקט שטיקער יורה דעה...**

**זיין געניט אין די וועגן**

**נישט טשעפען דעם שולחן ערוך**

**פארוואס האלטן מיר דעם שולחן ערוך?**

**אליין אין א דערפל אָן קיין תקיעות**

**צוועלף פאמיליעס זיך אויפגעהויבן אויף יו"ט פאר אַן אתרוג...**

**ווער האט נישט געשיקט אין זייערע שולעס?**

**דריי ג-א-נ-צ-ע יארן עומד געווען בנסיון!**

**איינגעגעבן די קינדער אלס געשטארבן...**

**"כֹּל אֲשֶׁר יִקְרָא בְּשֵׁם ה' יִמָּלֵט"**

בס"ד

# פרשת צו (ח"ב)

## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 155#)

## בשמחה תמיד

דער רבי זאגט[א]: "מען דארף זיין בשמחה תמיד!". קען מען דאך אפשר מיינען, אז נאכן רעדן מיט חברים עפעס א שמועס (פון תכלית) קען איך ווערן מרה שחורה'דיג - ניין! דו דארפסט דאך דערצו רעדן צום אויבערשטן דיבורים - ישוב הדעת איז נאר דורך שמחה![ב] אז דו וועסט האבן אין דיר א שמחה'דיגן געדאנק, וועסטו קענען האבן ישוב הדעת, דו וועסט קענען רעדן; אבער א געדאנק פון אראפגעלאזטקייט, פון א כבידות אדער עצבות אדער עצלות, דאס פארמאכט דעם מויל אז דו קענסט נישט רעדן[ג].

יעדעם דיבור וואס דער רבי זאגט איז א תמידות'דיגע זאך; אז דער רבי הייסט רעדן צום אויבערשטן, דארף מען פאלגן דעם רבי'ן; אז דער רבי הייסט זיין פרייליך, דארף מען פרייליך זיין תמיד - אט דער רבי הייסט דאך דאס אויך; דער אייגענער רבי וואס

---

[א] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ד.

[ב] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י': מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן. וְהָעִקָּר לְהִשְׁתַּדֵּל לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב, מָה הַתַּכְלִית מִכָּל הַתַּאֲווֹת וּמִכָּל עִנְיְנֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, הֵן תַּאֲווֹת הַנִּכְנָסוֹת לַגּוּף, הֵן תַּאֲווֹת שֶׁחוּץ לַגּוּף, כְּגוֹן כָּבוֹד, וְאָז בְּוַדַּאי יָשׁוּב אֶל ה'. **אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ**, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ. רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, וכו' עיין שם.

[ג] עיין שיחות הר"ן אות כ': כְּשֶׁהָאָדָם כָּל הַיּוֹם בְּשִׂמְחָה אֲזַי בְּנָקֵל לוֹ לְיַחֵד לוֹ שָׁעָה בַּיּוֹם לְשַׁבֵּר אֶת לִבּוֹ וּלְהָשִׂיחַ אֶת אֲשֶׁר עִם לְבָבוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּמְבֹאָר אֶצְלֵנוּ כַּמָּה פְּעָמִים, **אֲבָל כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ עַצְבוּת חַס וְשָׁלוֹם, קָשֶׁה לוֹ לְהִתְבּוֹדֵד וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ**. וְעַיֵּן בְּמָקוֹם אַחֵר.

זאגט מיר, דו זאלסט רעדן צום אויבערשטן, זאגט מיר, דו זאלסט זיין תמיד פריילך; וועל איך אים דאס יא פאלגן און דאס נישט?!

דערפאר טאקע, איינס איז מקושר מיט דעם אנדערן; אז דו וועסט אים נישט פאלגן מיט שמחה, וועסטו נישט קענען רעדן קיין דיבורים, ווייל אז דו וועסט וועלן רעדן, וועט דיר דער מח לויפן אויף עפעס אנדערש גאר, דו וועסט אים נישט קענען צובינדן צו קענען רעדן דיבורים.

ר' מיכעלע פלעגט שרייען: "**מען פארט צו א רבי'ן - און מען פאלגט אים נישט?!**"[ד].

אז מיר גייען אין דעם חדר פון דעם רבי'ן, דארף מען פאלגן דעם רבי'ן. און טאקע בעטן דעם אויבערשטן און דאנקען דעם אויבערשטן, וואס מען גייט אין דעם חדר, און זיין צופרידן אז ברוך ה' מען ווערט אנגערופן אויף דעם נאמען פון דעם חדר.

רבי נתן זאגט דארטן[ה]: "**דאס איז א פלטין של אמת!**". בעט דעם אויבערשטן: "**דו האסט אויף מיר רחמנות געהאט - העלף מיר ווייטער, העלף מיר ווייטער, איך זאל נאר פאלגן דעם רבי'ן!**".

❖

[ד] עיין טעם זקנים קונטרס קי"ט: ר' מיכל'ע (בן ר' יצחק בן מוהרנ"ת) איז געווען קראנק, דער גאנצער גוף איז אים געווען געשוואלן, האט מען גערופן א דאקטער, האט ער געקלאפט אין טיש: "**אז מען פארט צו א רבי'ן און מען פאלגט אים נישט, פארוואס פארט מען צו אים?!**" - ווייל מען האט אריינגערופן א דאקטער...

[ה] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ו' ויגש תקפ"ו: "מַה אֹמַר לְךָ אָחִי, מְעַט אַתָּה יוֹדֵעַ אֲשֶׁר בִּלְבָבִי, יוֹתֵר מִזֶּה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב. אִם תִּרְצֶה נְקֻדַּת הָאֱמֶת, אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַּכָּסֶף וְכַמַּטְמוֹנִים תְּחַפְּשֶׂנָּה, **תְּבַקֵּשׁ הָאֱמֶת בְּהַפָּלָטִין שֶׁל אֱמֶת**, הַנִּבְנֶה עַל יְדֵי אַנְשֵׁי אֱמֶת, עַל יְדֵי בַּעַל אֱמֶת, אָז תָּבִין יִרְאַת ה' וְדַעַת אֱלֹקִים תִּמְצָא. וּבְוַדַּאי אַתָּה יוֹדֵעַ וּמֵבִין אֶת אֲשֶׁר אֲנִי מְרַמֵּז לְךָ כִּי עִנְיַן הַפָּלָטִין שֶׁל אֱמֶת מְבֹאָר מְעַט בְּסוֹף הַסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אַךְ בֶּאֱמֶת אֵין אַתָּה יוֹדֵעַ כְּלוּם" וכו', עיי"ש.

# התעוררות נאר מיט התחזקות

דער רבי זאגט אין תורה י"ז, דער אויבערשטער איז זיך מתפאר (מיט אידן) "בכלל" "ובפרט" "ובפרטי פרטיות". "בכלל" - זאגט דער רבי, דאס איז וואס דער אויבערשטער איז זיך מתפאר מיט אלע אידן בכלל, "יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר". "ובפרט" - דאס איז וואס דער אויבערשטער איז זיך מתפאר מיט יעדן איד בפרט.

"ובפרטי פרטיות" - דאס איז וואס דער אויבערשטער איז זיך מתפאר מיט יעדעס איבר פון א אידן; אז א איד האט ריינע אויגן, איז זיך דער אויבערשטער מתפאר למעלה ביי דער פמליא של מעלה - 'איך האב א איד אין דעם עולם וואס ער האט ריינע אויגן!'.

'אין דעם עולם האב איך א אידן - און ער האט ריינע אויגן!'

- דער אויבערשטער איז זיך מתפאר מיט דעם פרט. און אזוי אויך, אז ער האט א ריין מויל, ער האט א ריינעם געדאנק, ער האט ריינע אויערן, ער האט ריינע הענט, ער האט עפעס איברים. דער רבי זאגט דארט[ו]: **"אז עפעס א איד** (- איזה פחות שבישראל) **גיט א שאקל מיט דער פאה - האט דער אויבערשטער אויך התפארות דערפון!"**.

דאס אליין איז אויך א גרויסע התחזקות; ווייל עס איז פארהאן אמאל (וואס דער מענטש טראכט), 'דער אויבערשטער קען זיך נאר מתפאר זיין מיט א גאנצער מענטש - נאר אויב ער איז גאנץ אין אלע איברים און גידים, נאר אז ער איז א גאנצע זאך. אבער (אינ'אמת'ן), מיט 'עפעס' האט ער אויך התפארות, ער האט דאך 'עפעס' מיט וואס דער אויבערשטער איז זיך מיט אים אויך מתפאר!

מיר זענען דבוק אין א געוואלדיגער רחמן, "כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם" - "מי שהוא רחמן הוא יכול להיות מנהיג"[ז] - דער רבי איז דאך אזא מנהיג רחמן!

---

[ו] וזל"ש: וְכֵן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת, כִּי יֵשׁ בְּכָל אֵיבָר וְאֵיבָר וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שֶׁל יִשְׂרָאֵל הִתְפָּאֲרוּת אַחֵר. **וְיֵשׁ לִפְעָמִים שֶׁאֵיזֶה פָּחוּת שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל עוֹשֶׂה נַעֲנוּעַ עִם הַפֵּאָה שֶׁלּוֹ, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יֵשׁ לוֹ הִתְפָּאֲרוּת גָּדוֹל גַּם מִזֶּה.**

[ז] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז'.

**דער רבי האט אמאל געזאגט[ח]: "האט איר אמאל געהערט פון מיר א דבר מוסר?!". רבי נתן האט** (קודם) **נישט פארשטאנען וואס דער רבי זאגט - 'דער רבי רעדט דאך מוסר!?' אבער ניין, דער רבי האט קיינמאל נישט גע'מוסר'ט.**

**"האט איר אמאל געהערט פון מיר א דבר מוסר?!" עס איז דאך נאר מיט אזא מין אהבה, מיט אַן "אהבה מסותרת"! משיח צדקנו וועט שפילן א ניגון, און מיט דעם ניגון וועט ער מקרב זיין דער גאנצער וועלט צום אויבערשטן! א ניגון פון חסד, א ניגון פון ע"ב נימין, א ניגון וואס דער שם הוי"ה וועט זיין פשוט כפול משולש מרובע, באטרעפט עס ע"ב, א ניגון וואס עס וועט זיין אזא מין התגלות אלקות אזוי ווי מען שפילט א שיינעם ניגון![ט].**

**אט דאס טוהט דאך דער אמת'ער צדיק, ער שפילט אזא שיינעם ניגון, מיט אזא מין אהבה, וואס דאס איז יענעם מקרב צום אויבערשטן. מיר דארפן אויך גיין אויף דעם וועג, מען זאל זיך ליב האבן, דאס רעדן זאל זיין מיט אהבה, מיט ליבשאפט - אט דאס איז דער וועג.**

**דאס קען אונז איצטער דערהאלטן, מיר האבן נישט קיין כלים צו נעמען** (נאר מיט אהבה און התחזקות)**. עפעס אין א הלכה רעדט רבי נתן א שמועס[י]: "א התעוררות וואס**

---

[ח] עיין שיחות הר"ן אות קכ"ד: פַּעַם אַחַת שָׁאַל אוֹתִי בִּלְשׁוֹן תְּמַהּ: **הֲשָׁמַעְתָּ מִמֶּנִּי דִּבְרֵי מוּסָר?** וְאָמַר שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לוֹמַר דִּבְרֵי מוּסָר. כִּי כָּל דִּבּוּר מוּסָר שֶׁלּוֹ הוּא מְטֻבָּל וּמְרֻחָץ בִּדְמָעוֹת (בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז אָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: אִיטְלִיכְס וָוארְט פוּן מוּסָר אִיז בַּייא מִיר פַר וַואשְׁין מִיט טְרֶעהְרִין). וּמֵחֲמַת זֶה אֵינוֹ יָכוֹל לוֹמַר מוּסָר בְּפֵרוּשׁ. וּבִתְחִלָּה הָיָה אֶצְלֵנוּ קְצָת תְּמִיהָה מַה שֶּׁאָמַר שֶׁאֵינוֹ אוֹמֵר מוּסָר. כִּי לְפִי דַּעְתֵּנוּ כָּל דְּבָרָיו הֵם דִּבְרֵי מוּסָר גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד כְּאֵשׁ בּוֹעֶרֶת מַמָּשׁ. אַךְ בֶּאֱמֶת לֹא הָיָה רָגִיל לוֹמַר דִּבְרֵי מוּסָר בְּפֵרוּשׁ כְּדֶרֶךְ הַמּוֹכִיחִים, אֲבָל אַף־עַל־פִּי־כֵן כָּל דְּבָרָיו וְכָל שִׂיחוֹתָיו הָיָה רַק מֵעִנְיַן עֲבוֹדַת ה'. וְכָל דְּבָרָיו הָיָה כְּגַחֲלֵי אֵשׁ מַמָּשׁ, וכו' עיי"ש.

[ט] עיין ליקוטי מוהר"ן סי מ"ט אות ה'; שם תניינא סי' ח' אות א'.

[י] עיין הל' פסח ה"ט אותיות ט"ז-י"ט; וזל"ש אות י"ט: וְזֶהוּ בְּחִינַת: "כִּי עִמְּךָ הַסְּלִיחָה לְמַעַן תִּוָּרֵא", שֶׁמֵּחֲמַת שֶׁבְּטוּחִים שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ סוֹלֵחַ וּמוֹחֵל, עַל יְדֵי זֶה דַּיְקָא זוֹכִין לְיִרְאָה טוֹבָה לָשׁוּב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי מִי **שֶׁאֵינוֹ מְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בָּזֶה אֵינוֹ יָכוֹל לִזְכּוֹת לְיִרְאָה**, כִּי כְּשֶׁבָּא עָלָיו אֵיזֶה יִרְאָה נִמְשָׁךְ אֶל הָעַצְבוּת חַס וְשָׁלוֹם, וְנוֹפֵל עַל יְדֵי זֶה יוֹתֵר, אֲבָל עַל יְדֵי שֶׁיּוֹדְעִין כִּי עִמְּךָ הַסְּלִיחָה וּבְטוּחִין בְּחַסְדּוֹ תָּמִיד שֶׁהַכֹּל יוּכַל לְהִתְתַּקֵּן וּלְהִתְהַפֵּךְ לִזְכֻיּוֹת, עַל יְדֵי זֶה זוֹכִין לְיִרְאָה בְּחִינַת לְמַעַן תִּוָּרֵא, כִּי מְקַבְּלִין הַיִּרְאָה לְטוֹבָה וְכַנַּ"ל.

**נעמט זיך פון התעוררות, דאס איז זייער שווער; א התעוררות וואס נעמט זיך פון התחזקות, ווערט מלא התעוררות!".**

א מענטש פון התחזקות ווערט ער פול מיט התעוררות - אין עפעס אין א הלכה רעדט ער דעם שמועס; דאס התעוררות וואס נעמט זיך פון התחזקות - אט די התעוררות איז א התעוררות; א התעוררות וואס נעמט זיך אבער פון התעוררות, דאס איז זייער שווער.

עס איז דא טאקע א התעוררות וואס ער גיט א קוק אמאל אין "ראשית חכמה" - און ער ווערט דערפון נתעורר; אבער נישט אלע מענטשן קענען האבן א התעוררות פון התעוררות.

❖ ❖ ❖

## ווינציגער א קוק!

(חסר) רבי נתן האט געהאט אויבן אַן אויבערשטיבל פאר עבודת ה'. פלעגט ער בייטאג פארהענגען דעם פענסטער. האט מען אים געפרעגט - "רבי נתן, בייטאג?" (ענה ואמר:) "ווינציגער א קוק אין דער וועלט!"[יא].

דאס אז ער פלעגט פארהענגען דעם פענסטער - 'ווינציגער א קוק אין דער וועלט' - איז געווען כסדר; (און דאס אז אמאל איז געווען) א רעש – און רבי נתן האט נישט געקוקט אויף דעם רעש, דאס איז א באזונדערע זאך, דאס איז צוויי מעשיות.

וואו שטייט דאס? (ר' חיים שלמה ראטנבערג: עס האט זיך געטוהן א רעש און ער איז נישט געגאנגען קוקן!) (חסר).

❖ ❖ ❖

[יא] עיין ליקוטי עצות - ערך השגות והתנוצצות אלקות, אות י"א (ע"פ ליקו"מ ס"ה): אִי אֶפְשָׁר לְהִסְתַּכֵּל וּלְהִכָּלֵל בְּהַתַּכְלִית כִּי אִם עַל־יְדֵי סְתִימוּ דְּעַיְנִין, שֶׁיִּסְתֹּם עֵינָיו לְגַמְרֵי מֵחֵיזוּ דְּהַאי עָלְמָא.

# "טוה מיר אָן א באָרד"...

(השואל: מען ווייסט פון דעם רבי'ן 'הנהגתו בפורים'?) **פון רבי'ן ווייסט מען נישט. רבי נתן האט מקיים געווען דעם 'עד דלא ידע'.**

**רבי נתן האט געזאגט: "די עבודה פון פורים איז ביי אים שווערער ווי די עבודה פון יום כיפור!".**

**ווייל דעמאלט איז 'עד דלא ידע'; דער 'לא ידע' פון פורים איז א געוואלדיגער 'לא ידע' - מען קען דעמאלט זוכה זיין צו א געוואלדיגן 'לא ידע'![יב] די עבודה פון 'לא ידע' איז אוודאי שווערער פון די עבודה פון 'ידע'.**

**יום כיפור איז 'יָדע', מען זיצט אין שול, מיט די ה' תפילות, מען עסט נישט, מען טרינקט נישט, געוועגליך איז גרינגער דער 'ידע'. אבער דאס איז דאך א 'לא ידע' - טרינק און טרינק און טרינק, זיי 'עד לא ידע' - און עס זאל זיין אזא הייליגער טאג - געוועגליך ביי די גרויסע מענטשן איז דאס אוודאי שווערער - האלטן דעם מח אזוי ווי מען דארף אין דעם טאג. עס איז 'לא ידע' און עס איז יא 'ידע'.**

❖

**מיר האבן געהאט איינעם א חסיד ר' יענקל זיטאמער. און עס איז געווען ביי אונז איינער "דוד הייסינער" - ער איז געווען א בעל תשובה, ער איז געווען פריער אינגאנצן ווייט פונעם איבערשטן בתכלית, ער איז אריינגעקומען צו אונז אין שול און געווארן א בעל תשובה[יג].**

[יב] עיין ליקוטי הלכות הל' נפילת אפים ה"ד, אות ז': וְעַל כֵּן בְּפוּרִים אָז צְרִיכִין לְהִשְׁתַּכֵּר עַד שֶׁיָּבוֹאוּ לִידֵי שִׂמְחָה כָּזֹאת עַד שֶׁיִּזְכֶּה לִבְחִינַת תַּכְלִית הַיְדִיעָה הַנַּ"ל שֶׁשָּׁם נִכְלָל הָרְדִיפָה וְהַמְעַכֵּב יַחַד, שֶׁהֵם הַיְדִיעָה וְהֶעְדֵּר הַיְדִיעָה שְׁנֵיהֶם נִכְלָלִין יַחַד בִּבְחִינַת **תַּכְלִית הַיְדִיעָה אֲשֶׁר לֹא נֵדַע**, וְשָׁם נִתְבַּטֵּל כָּל הָרָע לְגַמְרֵי כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ בְּחִינַת **עַד דְּלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי**, כִּי שָׁם אֵין שַׁיָּךְ לוֹמַר טוֹב וָרָע, **כִּי שָׁם כֻּלּוֹ אֶחָד כֻּלּוֹ טוֹב**.

[יג] עיין עוד אודותיו בטעם זקנים קונטרס כ"ד; קונטרס ק"ו.

דער דוד פלעגט זייער אסאך תומך זיין אונזערע מענטשן; זיי פלעגן דאך גיין ווינטער אין די פרעסט, אין די שניי. א רוסישע פראסט איז אַן אנדער פראסט, עס ברענט, די אויטאס קענען נישט גיין, מען קען נישט גיין אינדרויסן, אז מען גייט ארויס ווערט פארפרוירן דער נאז, מען קען נישט רירן זיך.

די "חברה" (- העובדים) פלעגן דאך גיין אין וואלד אריין, האט ער זיי צוגעשטעלט גרויסע פעלצן אנצוטוהן, מיט היטן, און ווארעמע שיך פאר די פיס. ער האט געהאנדלט דערמיט, האט ער מיט דעם זיי אויסגעהאלטן, ער האט זיי געגעבן זיי זאלן האבן, זיי זאלן קענען גיין אין פעלד.

אבער ער אליין - קיין בארד האט ער נאך נישט געטראגן - ער האט זיך אבער נישט געגאָלט. שפעטער האט ער שוין געהאט א בארד אויך.

געדענק איך, עס איז געווען אמאל פורים, ער האט זיך אנגע'שיכור'ט, איז ער געפאלן יענקל'ען זיטאמער צו די פיס: "יענקל טוה מיר אָן א בארד, יענקל טוה מיר אָן א בארד!"... - עס איז אים געלעגן אין דעם געדאנק - "געוואלד, פארוואס גיי איך נישט קיין בארד?!".

די וועלט זאגט דאך א ווערטל: "וואס ביי א ניכטערן אויפן לונג, איז ביי א שיכור'ן אויפן צונג!"... אט דאס וואס ער האט געהאט אויפן געדאנק האט ער ארויסגערעדט מיט דעם מויל. האט ער ארויסגערעדט מיט דעם מויל - 'יענקל, טוה מיר אָן א בארד!' - ער האט געגאסן טרערן...

❖ ❖ ❖

## דער דריי-און-דרייסיגסטער שבח

(השואל: און אויב עס קומט אויס נאכ'ן שיכור'ן אז מען דאוונט נישט קיין מעריב?) מען ווייסט דאך, דער רמ"א - "רבינו משה איסר'לס", ער איז נפטר געווארן אין "ל"ג" בעומר, און ער האט געמאכט "דריי-און-דרייסיג" ספרים, און ער איז אלט געווען "דריי-און-דרייסיג" יאר, איז ביי די פטירה האט מען נאכגעזאגט אויף אים "דריי און דרייסיג" שבחים.

איז קודם נאר געווען צוויי-און-דרייסיג (שבחים) - דעם דריי-און-דרייסיגסטן האט מען נישט געוואוסט. איז געקומען איינער - 'ער וועט זאגן דעם דריי-און-דרייסיגסטן': **"דער רמ"א איז געגאנגען פורים פארנאכט אין אלע הייזער אנזאגן אלע אידן - 'מען דארף דאווענען מעריב'!"** - ער האט זיי דערמאנט מען זאל נישט פארגעסן צו דאווענען מעריב.

אט דאס איז געווען דער דריי-און-דרייסיגסטער שבח: א רָב - דער רמ"א - איז געגאנגען ארום אין די הייזער און געשריגן: "אידן גייט דאווענען מעריב - פארגעסט נישט צו דאווענען מעריב!".

די אלע גדולים, אויך דער רמ"א, האבן מסתמא מקיים געווען דעם 'עד דלא ידע'!

א קלייניקייט - דער רמ"א?!

אז דער אויבערשטער העלפט, מען רעדט (צום אויבערשטן) פון די אלע זאכענישן, מען גרייט זיך צו פריער, פארגעסט מען נישט צו דאווענען מעריב; מען דרייט אהין, מען דרייט אהער, מען פארגעסט נישט.

דער רבי זאגט אין תורה ז'[יד]: "תפילה איז מסוגל לזכרון; ווייל שכחה איז דאך נאר שייך ווען עס איז דא עפעס א זמן; תפילה איז דאך אבער 'למעלה מן הזמן', תפילה איז דאך אַ ענין פון ביטול הטבע, איז דא זכרון".

אז מען בעט דעם אויבערשטן פאר פורים - פארגעסט מען נישט, מען פארגעסט נישט, מען דאוונט מעריב.

❖

[יד] וזל"ש: וּבִשְׁבִיל זֶה, **הַתְּפִלָּה מְסֻגָּל לְזִכָּרוֹן**, כִּי תְּפִלָּה הוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה כַּנַּ"ל. וְשִׁכְחָה הוּא עִנְיָן, שֶׁהָיָה לְפָנֵינוּ דְּבַר מָה וְנִשְׁכַּח וְעָבַר מֵאִתָּנוּ. (וְהִיא דֶּרֶךְ הַהַנְהָגָה עַל פִּי מַעֲרֶכֶת הַמַּזָּלוֹת, שֶׁמִּתְנַהֵג כְּסֵדֶר יוֹם אַחַר יוֹם, וְהוּא הִפּוּךְ הָאֱמוּנָה. מַה שֶּׁאֵין כֵּן אִם מַאֲמִין שֶׁיֵּשׁ מְחַדֵּשׁ הַכֹּל בִּרְצוֹנוֹ בְּכָל יוֹם תָּמִיד, וְהוּא מְחַיֶּה וּמְקַיֵּם הַכֹּל תָּמִיד, וְהוּא לְמַעְלָה מֵהַזְּמַן, אֵין כָּאן שִׁכְחָה, וְדוּ"ק).

עס איז געווען אמאל א פורים פארנאכט וואס ר' מאיר לייב בלעכער[טו] - ר' אברהם ר' נחמן'ס רבי (- בנגלה), איז אריין צו רבי הירש לייב דער רב[טז]. רבי הירש לייב איז געזעצן דארטן מיט אַן עולם - דער רב פון שטאט, און ר' מאיר לייב האט געגעבן א קום אריין, איז ער אוועקגעפאלן אין שיכרות ביים טיר.

האט זיך רבי הירש לייב אויפגעשטעלט און זאגט אים: "מאיר לייב, דו האסט **פארגעסן וואו דו האלסט אין די ספירה?!**". האט ער זיך געגעבן א שטעל אויף, און ער האט אפגעציילט ספירה - וויפיל יאר ער איז אלט, די טעג, די שעה'ן... אפגערעכנט, און האט זיך אנגערופן: "**אזוי האט אונז געלערנט רבי שמואל אייזיק - אז מען זאל אלע טאג ציילן ספירה!**"[יז].

"דו האסט פארגעסן וואו דו האלסט אין די ספירה?!", האט ער אויסגעציילט 'ספירה'...

❖

## א ריינע באָרד!

פורים אין טירהאוויצע איז אויך געווען אמאל מיט ר' לייב - ר' סענדר'ס א ברודער. פורים האבן אונזערע לייט זייער אסאך געטאנצט דארטן אין טירהאוויצע, שרפים - געטאנצט, געברענט.

דער ר' לייב האט געגעבן א פאל אויף דער ערד פון שיכרות. האבן זיי אים נישט געוואלט טשעפען, זענען זיי אריינגעגאנגען אין אַן אנדער חדר טאנצן.

---

[טו] מגדולי תלמידי מוהרנ"ת.

[טז] רבי הירש לייב רב דק"ק ברסלב, בן רבי אהרן רב דק"ק ברסלב (- שנתמנה עוד ע"י רביז"ל). אביו של רבי נחמן הרב מטשעהרין ובעמ"ס פרפראות לחכמה, ועוד.

[יז] עיין ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ד, אות ה': וְעִקַּר כַּוָּנַת הַסְּפִירָה בִּפְשִׁיטוּת הוּא שֶׁצְּרִיכִין לָדַעַת שֶׁיְּמֵי הָאָדָם מְנוּיִים וּסְפוּרִים בְּמִסְפָּר וּבְמִנְיָן כָּל יוֹם וָיוֹם וְהָאָדָם יִצְטָרֵךְ לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן מִכָּל יוֹם וָיוֹם, כִּי אֵין שׁוּם יוֹם הוֹלֵךְ לְבַטָּלָה חַס וְשָׁלוֹם. **וַאֲפִלּוּ שָׁעָה וְרֶגַע אַחַת** אֵינוֹ הוֹלֵךְ לְבַטָּלָה חַס וְשָׁלוֹם.

**ר' לייב האט זיך געגעבן א כאפ אויף - "זיי זענען נישטא"...**

**איז ער אריין צו זיי: "אט דאס הייסט חברים? איר לאזט מיך אפ און איר גייט אוועק פון מיר? 'דארטן' וועט איר אויך אזוי טוהן? 'דארטן' וועט איר מיך אויך אפלאזן און אוועקגיין??!"...**

**האבן זיי געמאכט ביי זיך א 'כריתות ברית' אז זיי וועלן זיך 'דארטן' אויך האלטן צוזאמען, זיי וועלן זיך נישט אפלאזן איינער פון דעם אנדערן!**

(ר' נחמן בורשטיין: דער ר' לייב האט זיך בארימט עפעס מיט אסאך יארן - -) **יא, אסאך יאר - "אט די בארד איז ריין פון א הרהור" - עפעס א עטליכע און צוואנציג יאר! ער האט זיך בארימט אז די בארד איז ריין פון א הרהור אסאך יארן!**

(ר' נחמן: פורים האט ער דאס געזאגט?) **ניין, איך ווייס נישט ווען.**

**דער "שֶׁבַע מַחְלְפוֹת רֹאשׁוֹ" וואס ס'שטייט ביי שמשון'ען; די 'שערות' מיינט מען - די מחשבות; "שבע מחלפות ראשו" - 'שחולפין ועוברין במחשבה שבמח'[יח].**

**די תורה "ט' תיקונים"[יט] - "ט' תיקונין יקירין אתמסרו לדיקנא" - דאס האט דער רבי געזאגט ראש השנה[כ]. רבי נתן איז געשטאנען דעמאלט לעבן דעם רבי'ן, דער רבי האט אנגענומען מיט דער האנט אין דער בארד: "ט' תיקונים יקירין אתמסרו לדיקנא"! - און ער האט אנגעהויבן מיט אזא מין סארט מסירות נפש, אז עס כמעט געווארן אויסגעריסן...[כא]**

---

[יח] עיין כל זה בליקוטי מוהר"ן סוף סי' כ"ט, וזל"ש: הַשְּׂעָרוֹת הֵם מוֹתְרֵי מֹחִין. וְעַל כֵּן הֵם בְּחִינַת (שופטים טז) שֶׁבַע מַחְלְפוֹת וְכוּ', בְּחִינַת שֶׁבַע מִדּוֹת, שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין בַּמַּחֲשָׁבָה שֶׁבַּמֹּחַ. כִּי הַמַּחֲשָׁבָה שֶׁבַּמֹּחַ הוּא כְּפִי הַמִּדּוֹת שֶׁבָּאָדָם, **וּכְפִי הַמִּדָּה שֶׁהָאָדָם אוֹחֵז בָּהּ, כֵּן חוֹלְפִין וְעוֹבְרִין עָלָיו הַמַּחֲשָׁבוֹת שֶׁבַּמֹּחַ**. וְזֶה: '**שֶׁבַע מַחְלְפוֹת ראשׁוֹ**' לְשׁוֹן חָלַף וְעָבַר כַּנַּ"ל, וכו' עיי"ש בפנים.

[יט] ליקוטי מוהר"ן סי' כ'.

[כ] שנת תקס"ה (חיי מוהר"ן אות נ"ט).

[כא] עיין חיי מוהר"ן אות ט"ו: כְּשֶׁהִתְחִיל הַתּוֹרָה תִּשְׁעָה תִּקּוּנִין הַנַּ"ל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת כְּדַרְכּוֹ תָּמִיד, דְּהַיְנוּ סָמוּךְ לִתְחִלַּת הַלַּיְלָה הַשַּׁיָּכָה לְיוֹם שֵׁנִי דְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, וּכְבָר חָשַׁךְ הַיּוֹם, וַאֲנִי יָשַׁבְתִּי סָמוּךְ

**ער האט געהאלטן דער האנט אין דער בארד - "ט' תיקונין יקירין אתמסרו לדיקנא"!**

**'שערות קדושות' - יעדעס הערעלע איז א 'קדושה'!**[כב]

**אזעלכע הייליגע הער! - און מען שניידט עס אפ און מען ווארפט עס אוועק אין די מיסטן...**[כג]

---

מְאֹד אֵלָיו וְהִסְתַּכַּלְתִּי בּוֹ וְרָאִיתִי שֶׁאָמַר הַתֵּבוֹת תִּשְׁעָה תִּקּוּנִין יַקִּירִין אִתְמַסְרִין לְדִקְנָא בְּכֹחוֹת גְּדוֹלוֹת מְאֹד מְאֹד עַד מִצּוּי הַנֶּפֶשׁ, וּבְאֵימָה וְיִרְאָה וּרְתֵת וְזִיעַ אֲשֶׁר אִי אֶפְשָׁר לְשַׁעֵר, **וְתָפַס אֶת זְקָנוֹ כַּמָּה פְּעָמִים בְּכֹחוֹת גְּדוֹלוֹת.** וְאִי אֶפְשָׁר לְצַיֵּר זֹאת בִּכְתָב.

[כב] עיין ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ו, אות ל"ד: הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַשְׁפִּיעַ עָלֵינוּ עַל יְדֵי הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת, שֶׁהֵם בִּבְחִינַת דִּיקְנָא קַדִּישָׁא, בְּחִינַת זָקֵן מָלֵא רַחֲמִים הוּא מַשְׁפִּיעַ עָלֵינוּ עַל יָדָם עֵצוֹת קְדוֹשׁוֹת וְנִפְלָאוֹת הַנִּמְשָׁכִין מִשְּׂעָרוֹת קְדוֹשׁוֹת עֶלְיוֹנוֹת מִבְּחִינַת שַׂעֲרוֹת הַזָּקָן שֶׁאֵלּוּ הָעֵצוֹת כְּלוּלִים בְּי"ג מִדּוֹת שֶׁהַתּוֹרָה נִדְרֶשֶׁת בָּהֶן שֶׁעַל יָדָם זוֹכִין לְאַכְפַּיָא דִּינִין שֶׁבַּשְּׂעָרוֹת, דְּהַיְנוּ **לְגָרֵשׁ וּלְבַעֵר כָּל הַמַּחֲשָׁבוֹת רָעוֹת הַנֶּאֱחָזִין בְּהַשְּׂעָרוֹת לְהַכְנִיעָם וּלְבַטְּלָם וּלְהַכְרִיחַ הַמֹּחַ שֶׁיָּשׁוּב לְמַחֲשָׁבוֹת כְּשֵׁרוֹת וּטְהוֹרוֹת עַל יְדֵי כֹּחַ הַשְּׂעָרוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת שֶׁל הַדִּיקְנָא קַדִּישָׁא,** שֶׁמִּשָּׁם כֹּחַ כָּל הָעֵצוֹת הָאֲמִתִּיּוֹת וְהַתְּמִימוּת לַעֲמֹד כְּנֶגְדָּם בְּשֵׁב וְאַל תַּעֲשֶׂה. גם עיין שם הל' גילוח ה"ד אות ד-ה': יֵשׁ שְׂעָרוֹת קְדוֹשׁוֹת וּגְבוֹהוֹת מְאֹד שֶׁעִקַּר הַמְשָׁכַת הַדַּעַת וְהַחִיּוּת הוּא עַל יָדָם וְהֵם שַׂעֲרוֹת הַפֵּאוֹת וְהַזָּקָן הַקָּדוֹשׁ שֶׁכָּל בִּנְיַן הָעוֹלָמוֹת וְכָל הַמְשָׁכַת יְדִיעַת אֱלֹקוּתוֹ הוּא עַל יְדֵי הַצִּמְצוּמִים הַקְּדוֹשִׁים הַנִּמְשָׁכִין עַל יְדֵי אֵלּוּ הַשְּׂעָרוֹת הַקְּדוֹשִׁים וְנוֹרָאִים מְאֹד, כִּי **שַׂעֲרוֹת הַפֵּאוֹת וְהַזָּקָן נִמְשָׁכִין מִמָּקוֹם גָּבֹהַּ וְעֶלְיוֹן וְנוֹרָא מְאֹד** מִבְּחִינַת עַתִּיק ... וְזֶהוּ בְּחִינַת שַׂעֲרוֹת הַפֵּאוֹת וְהַזָּקָן שֶׁהֵם צִמְצוּמִים גְּבוֹהִים וְנוֹרָאִים הַנִּמְשָׁכִין מִמָּקוֹם עֶלְיוֹן וְגָבֹהַּ כָּזֶה עַד שֶׁעַל יְדֵי אֵלּוּ הַשְּׂעָרוֹת הַקְּדוֹשִׁים נִמְשָׁכִין דַּרְכֵי הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה אֲפִלּוּ לְהַמַּדְרֵגוֹת הַפְּחוּתוֹת וְהַיְרוּדוֹת מְאֹד, כִּי כָּל מַה שֶּׁהַצִּמְצוּמִים נִמְשָׁכִין מִמָּקוֹם גָּבֹהַּ יוֹתֵר, הֵם יְכוֹלִין לְהַלְבִּישׁ הַשֵּׂכֶל וּלְהוֹדִיעוֹ אֲפִלּוּ לְהַקְּטַנִּים וְהַפְּחוּתִים בְּיוֹתֵר כַּנַּ"ל. **וְעַל כֵּן עִקַּר הַיַּהֲדוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ הוּא עַל יְדֵי הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת,** שֶׁכָּל זְמַן שֶׁאֵינוֹ מַשְׁלִיךְ מֵעָלָיו הַפֵּאוֹת וְהַזָּקָן, אֲפִלּוּ אִם הוּא כְּמוֹ שֶׁהוּא, עֲדַיִן יֵשׁ לוֹ סִימָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל וִיכוֹלִין לְהָאִיר גַּם בּוֹ אֵיזֶה בְּחִינָה מֵהָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה **וְיָכוֹל עֲדַיִן לָשׁוּב לַה' יִתְבָּרַךְ בְּנָקֵל,** אֲבָל כְּשֶׁנִּתְפַּקֵּר, חַס וְשָׁלוֹם, עַד שֶׁמַּשְׁלִיךְ מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת, הוּא חָשׁוּד עַל כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ וְנִתְרַחֵק מֵהָאֱמוּנָה בְּתַכְלִית, כִּי עִקַּר הַמְשָׁכַת הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה הוּא עַל יְדֵי שַׂעֲרוֹת הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת כַּנַּ"ל, עיין גם שם באות ו'.

[כג] עיין ליקוטי הלכות הל' סימני בהמה וחיה טהורה ה"ד, אות ט"ז: שֶׁגַּם בָּזֶה יֵשׁ בּוֹ אִסּוּר עַל פִּי כִּתְבֵי הָאֲרִ"י זַ"ל אֲשֶׁר מַחֲמִיר מְאֹד לִגַּע בִּשְׂעַר הַזָּקָן שֶׁהֵם צִנּוֹרוֹת עֶלְיוֹנוֹת וְכוּ'. וּכְמוֹ שֶׁאִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ, **וַי לְמָאן דְּאוֹשִׁיט יְדֵיהּ לְדִיקְנָא** וְכוּ'. גם עיין ליקוטי הלכות הל' גילוח ה"ג, אות ב': **עִקַּר הַדָּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי,** כִּי הוּא מִזֶּרַע בָּרֵךְ ה', מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל. וּמִי שֶׁרוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לִכְפֹּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל, תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ, חַס וְשָׁלוֹם, מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת, כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת ... **כִּי כָּל שַׂעֲרָה וְשַׂעֲרָה מֵהַפֵּאוֹת וּמֵהַדִּיקְנָא קַדִּישָׁא וְיַקִּירָא, כֻּלָּם הֵם בִּבְחִינַת צִנּוֹרוֹת עֶלְיוֹנִים וְצִמְצוּמִים קְדוֹשִׁים שֶׁמִּשָּׁם נִמְשָׁךְ כָּל חָכְמַת הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה וְהַמִּצְווֹת, שֶׁעַל יָדָם מַשִּׂיגִים אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ,** כִּי תְּלֵיסַר תִּקּוּנָא קַדִּישָׁא הֵם כְּנֶגֶד שְׁלֹשׁ

(ר' נחמן: ביי די תורה האט רבי נתן געזאגט אז ער האט געהערט 'קולות וברקים'?[כד]) **ביי די תורה?**

(ר' נחמן: ביי די תורה, אדער ביי די תורה "בחצוצרות"[כה], עפעס אזוי שטייט!) **ניין, די תורה "בחצוצרות" איז געווען ביי רבי נתן'ען דאס ערשטע ראש השנה,** (און ער האט געזאגט) **אז ער האט נאך דעמאלט נישט געהאט קיין געפיל אזוי אין דער תורה, נאר עס איז אים געפאַלן דער אויסטייטש פון "אוזן שומעת תוכחת חיים".**

(ר' נחמן: אבער עס איז דא אזא דיבור אז ער האט געהערט קולות וברקים?) **ביים רבי'ן שטייט דאס![כו] דער רבי איז געגאנגען שבועות** (אין מקוה) - **"איר הערט גארנישט? איר הערט גארנישט?!" אבער ביי רבי נתן'ען געדענק איך אינגאנצן נישט.**

(ר' חיים שלמה: עפעס איז געווען דעם ערשטן שבת ווען ר' נפתלי איז געקומען?) **דעם ערשטן שבת ווען ר' נפתלי האט געהערט דעם רבי'ן זאגן דעם "אזמר בשבחין", האט ער געשפירט אזא מין סארט דביקות פון דעם רבי'ן, אז ער האט זיך פארבונדן דעם קאפ כדי דער מח זאל אים נישט ווערן גערירט - אזא מין דביקות האט ער געפילט פון דעם רבי'ן![כז].**

❖ ❖ ❖

---

עֲשָׂרָה מִדּוֹת שֶׁהַתּוֹרָה נִדְרֶשֶׁת בָּהֶן, שֶׁהֵם כְּלָלִיּוּת הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, **אוֹי לְמִי שֶׁנּוֹגֵעַ, חַס וְשָׁלוֹם, לְהַשְׁחִית שַׂעֲרָה אַחַת מֵהַדִּיקְנָא קַדִּישָׁא וְהַפֵּאוֹת בִּשְׁאָט נֶפֶשׁ וּבְזָדוֹן וּבְמַעַל, אוֹי לוֹ וְאוֹי לְנַפְשׁוֹ, כִּי עוֹקֵר עַצְמוֹ וְנַפְשׁוֹ מֵאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל וְאֵין לוֹ חֵלֶק בְּתוֹרַת מֹשֶׁה, אוֹי לְנַפְשָׁם כִּי גָמְלוּ לָהֶם רָעָה.** וּבִשְׁבִיל זֶה נִתְפַּשְּׁטָה בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים מְאֹד חָכְמַת הַפִּילוֹסוֹפְיָה וְהָאֶפִּיקוֹרְסוּת בִּמְדִינַת אַשְׁכְּנַז וּסְבִיבוֹתֵיהֶם, שֶׁפָּרְקוּ מֵעֲלֵיהֶם בְּאֵלּוּ הַדּוֹרוֹת עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם לְגַמְרֵי וְהִשְׁלִיכוּ זְקָנָם וְרֹב הַפֵּאוֹת וּמִלְּבָשִׁים בְּמַלְבּוּשֵׁיהֶם, וכו' עיי"ש.

[כד] עיין אבניה ברזל שו"ס מרביז"ל אות ס"ח.

[כה] ליקוטי מוהר"ן סי' ה'.

[כו] עיין חיי מוהר"ן אות קל"ב: וּבְלֵיל שָׁבוּעוֹת אַחַר שֶׁהָיָה נֵעוֹר כַּנָּהוּג הָלַךְ לַמִּקְוֶה עִם אִישׁ אֶחָד מֵאֲנָשָׁיו, וְסִפֵּר לִי זֶה הָאִישׁ שֶׁהָלַךְ עִמּוֹ אָז לַמִּקְוֶה בְּשָׁבוּעוֹת שֶׁאָמַר לוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּדֶרֶךְ הִלּוּכוֹ לַמִּקְוֶה, וְשָׁאַל אוֹתוֹ בְּכָל פַּעַם אִם שׁוֹמֵעַ קוֹלוֹת, וְהֵשִׁיב שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ כְּלָל. וְנִתְפַּלֵּא מְאֹד עַל שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ, וְאָמַר אֵיךְ אֶפְשָׁר לִבְלִי לִשְׁמֹעַ קוֹלוֹת כָּעֵת. אַחַר כָּךְ אָמַר אֶפְשָׁר הוּא קוֹל הַקַּאפֶּלְיֶע [מַקְהֵלָה] שֶׁאֲנִי שׁוֹמֵעַ. וְהֵשִׁיב לוֹ הָאִישׁ הַנַּ"ל שֶׁהוּא אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ שׁוּם קוֹל קַאפֶּעלְיֶע וְלֹא שׁוּם קוֹל כְּלָל, וְתָמַהּ מְאֹד. וְהֵבִין הָאִישׁ הַנַּ"ל שֶׁהוּא שׁוֹמֵעַ קוֹלוֹת וּבְרָקִים שֶׁל קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

[כז] עיין שיחות הר"ן אות קס"ט: וְעֵינָיו הָיוּ מְאִירוֹת כַּשֶּׁמֶשׁ וְכַיָּרֵחַ מַמָּשׁ. בִּפְרָט בְּשַׁבָּת קֹדֶשׁ הָיוּ עֵינָיו מְאִירוֹת מְאֹד מְאֹד, וּפָנָיו הָיוּ מְאִירוֹת וּמַאֲדִימוֹת מְאֹד בְּשַׁבָּת קֹדֶשׁ. וּמִי שֶׁלֹּא רָאָה עֹצֶם קְדֻשָּׁתוֹ וְרִשְׁפֵּי

# אוועקגעפארן ביי דער לויה

(ר' חיים שלמה: עס איז דא א שיחה פון רבי נתן'ען אז אינגעלייט זאלן זיך שרייבן א צוואה?) **ווער זאגט אזוי? וואס? אַך...**

**ער** (- משה חינקעס) **האט זיך דאך גע'חלומ'ט א חלום אז ער איז געשטארבן. איז ער געקומען צו רבי נתן'ען און ער האט אים דערציילט דעם חלום. רבי נתן האט אים פריער גוט פותר חלום געווען אז ער וועט מאריך ימים זיין, און געענדיגט. אבער צום סוף האט ער אים אויסגעלאזט: "און ווידער, מיר רעדן דאך תמיד פון דעם תכלית, איז שרייב א צוואה!" - אזוי האט ער געזאגט צו משה'ן**[כח].

(השואל: וואס איז געווען דער חלום?) **עס איז א חלום געווען פון שטארבן.**

(והפטיר מוהרנ"ת:) **"נו, דו ווייסט דאך אז מיר רעדן דאך במילא תמיד פון דעם תכלית - שרייב א צוואה!".**

(אחר פטירתו של משה חינקעס) **האט רבי נתן אזוי געזאגט: "גיין צו זיין לויה קען מען נישט - ער האט זייער אסאך מבזה געווען דעם רבי'ן; נישט גיין, קען נישט זיין - ער האט דאך אסאך צדקה געגעבן דעם רבי'ן!", איז ער אוועקגעפארן, ער איז נישט געווען אין שטאט ביי די לויה.**

---

שַׁלְהֶבֶת דְּבֵקוּתוֹ בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וְסֵדֶר הַקִּדּוּשׁ שֶׁלּוֹ בְּלֵיל שַׁבָּת עִם סֵדֶר הַשֻּׁלְחָן, וְהַנִּגּוּן שֶׁהָיָה מְזַמֵּר אַתְקִינוּ סְעוּדָתָא אֲזַמֵּר בִּשְׁבָחִין, וְאֵיךְ שֶׁהָיָה מְזַמֵּר שְׁאָר הַזְּמִירוֹת כָּל מְקַדֵּשׁ, מְנוּחָה וְשִׂמְחָה, וְאֵשֶׁת חַיִל, וּמֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, **וּמִי שֶׁלֹּא רָאָה זֹאת, לֹא רָאָה טוֹב מֵעוֹלָם. וְכָל מִי שֶׁעָמַד אָז בְּאוֹתוֹ מַעֲמָד הָיָה מֵעִיד שֶׁלֹּא יִהְיֶה נִרְאֶה כָּזֹאת עַד שֶׁיָּבוֹא מְשִׁיחַ צִדְקֵנוּ.** וְאִלּוּ כָּל הַיַּמִּים דְּיוֹ וְכוּ' אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר אֶפֶס קָצֶה וְעֹצֶם הַיֹּפִי וְהַקְּדֻשָּׁה הַנּוֹרָאָה וְהַיִּרְאָה הָעֲצוּמָה וַעֲרִיבַת נְעִימַת דְּבֵקוּת הַנִּפְלָא שֶׁהָיָה אָז בַּעֲנָוָה בֶּאֱמֶת אֲשֶׁר לֹא נִרְאָה כָּזֹאת בָּעוֹלָם. גם עיין חיי מוהר"ן אות תק"כ: **וּמִי שֶׁלֹּא שָׁמַע אוֹתוֹ כְּשֶׁהָיָה מְזַמֵּר בְּשַׁבָּת אֲזַמֵּר בִּשְׁבָחִין בְּלֵיל שַׁבָּת וַאֲסַדֵּר לִסְעֻדָּתָא בַּבֹּקֶר וְכֵן שְׁאָר הַזְּמִירוֹת כָּל מְקַדֵּשׁ וּמְנוּחָה וְשִׂמְחָה וְכוּ' לֹא שָׁמַע טוֹב מֵעוֹלָם, אַשְׁרֵי אֹזֶן שָׁמְעָה זֹאת, וְאַשְׁרֵי מִי שֶׁיִּשְׁמַע זֹאת לֶעָתִיד בָּעוֹלָם הַבָּא.**

[כח] עיין כל הסיפור בשיש"ק (חדש) ח"ב, אות ש"מ.

(השואל: ער האט דאך פארקויפט די צדקות?)[כט] ר' שמואל שפירא האט אמאל געקויפט ביי ר' שמואל הורביץ'ן, 'איינמאל' זיין ביים רבי'ן אויפן ציון - אבער נישט ערב ראש השנה - האט ער געזאגט.

(ר' נחמן: איך בין געווען איינער פון די צוויי עדות. אבער אויף צומארגנ'ס איז געקומען ר' שמואל הורביץ און ער האט אים געזאגט: "וואס? אפילו דו זאלסט מיר געבן צען עולם הבא'ס - וויל איך נישט!" - ער האט געוואלט דעם גאנצן קנין מבטל זיין קריק. ער האט געהאט טענות צו מיר פארוואס איך האב מיך גע'חתמ'ט אויף דעם קנין. איך האב מיך גע'חתמ'ט: "חיים יענקל האניג-קוועטשער"...) דער קויפן איז נאריש און דאס פארקויפן איז נאריש! דאס איז א געלעכטער... (ר' נחמן: נו, דאס איז דאך פורים'דיג...).

❖ ❖ ❖

(ר' נחמן: בערל פלעגט מאכן פריילך?) בערל כהן[ל], אים האט מען אויך פארשיקט. זיי האבן אלעמען נעבאך אפגעשוירן די בערד. אז מען איז געקומען אים שערן, האט ער זיך געשלאגן און גע'הרג'עט מיט זיי, זיי האבן אים אנגעטוהן צרות צרורות, ער האט זיך נישט געלאזט.

וועדליג (- לויט ווי) עס שטייט אין זוהר הקדוש, איז זייער גרויסקייט געוואלדיג - דאס מסירות נפש אזוי! די אלע דארטן איז זייער גרויסקייט געוואלדיג![לא]

---

[כט] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אות תכ"ג: כְּשֶׁסִּפְּרוּ לְמוֹהַרְנַ"ת שֶׁמֹּשֶׁה חִינְקֶע'ס הִתְפָּאֵר וְאָמַר שֶׁהוּא מוּכָן לִמְכֹּר לְכָל הַמְעֻנְיָן אֶת שְׂכַר הַצְּדָקוֹת שֶׁנָּתַן לְרַבֵּינוּ - אָמַר מוֹהַרְנַ"ת: "**דָאס וֶועט אִים שׁוֹין נִישְׁט הֶעלְפְן!**" כְּשֶׁבְּכַוָּנָתוֹ הָיָה לוֹמַר שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁעָשָׂה מֹשֶׁה מַה שֶּׁעָשָׂה וְקִלְקֵל מַה שֶּׁקִּלְקֵל עַל יְדֵי הַמַּחֲלֹקֶת, אַף עַל פִּי כֵן סוֹף כָּל סוֹף יְקַבֵּל גַּם אֶת שְׂכַר הַצְּדָקוֹת שֶׁנָּתַן לְרַבֵּינוּ זַ"ל. מובא גם באבניה ברזל, שו"ס ממוהרנ"ת אות י"א.

[ל] עיין שיש"ק ח"ו ק"ד: רַבִּי בֶּערִיל הַכֹּהֵן לִינְדְוַואסֶר-וַוארְשִׁיוֶוער הי"ד הָיָה עוֹבֵד ה' מֻפְלָג בְּמַעֲלָה מְאֹד וּכְשֶׁתְּפָסוּהוּ הַקּוֹמוּנִיסְטִים וְהֵחֵלּוּ לַחְקֹר שְׁאָלוּהוּ הַחוֹקְרִים הֵיכָן מְסֻתָּר הַנֶּשֶׁק שֶׁלָּכֶם, כִּי הֶאֱשִׁימוּ אוֹתוֹ וְאֶת חֲבֵרָיו בְּהִתְקוֹמְמוּת נֶגֶד הַשִּׁלְטוֹנוֹת, הוֹצִיא לָהֶם אֶת חוּטֵי הַצִּיצִית שֶׁלָּבַשׁ וְשָׂמוֹ עַל הַשֻּׁלְחָן וְאָמַר לָהֶם 'זֶה הַנֶּשֶׁק שֶׁלָּנוּ', וְכָעֲסוּ עָלָיו הַחוֹקְרִים וְצִוּוּ לִקְשֹׁר אוֹתוֹ בְּחוּטֵי הַצִּיצִית וּלְסַחֲבוֹ בּוֹ כָּךְ הַחוּצָה. וּבִיסּוּרִים נוֹרָאִים בִּצְּעוּ בּוֹ אֶת זְמָמָם. הוּא הִגִּיעַ מִפּוֹלַנְיָה וְדָר בְּסָמוּךְ לְקָלוִיז, וְהָיָה גַּם בֵּין אֵלּוּ מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ הַמְשֻׁלָּחִים לִבְלִי שׁוּב. בְּעֵת הַעֲבָרָתוֹ לְסִיבִּיר קָפַץ מִן הַקָּרוֹן שֶׁל בְּהֵמוֹת שֶׁהוֹלִיכוּ אוֹתָם בָּהֶם, אוּלָם חַיָּל שֶׁהִבְחִין בַּדָּבָר יָרָה בּוֹ וַהֲרָגוֹ. גם עיין בשיש"ק ח"ה, רנ"ה.

[לא] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ר"ס: וְלִפְעָמִים בָּא לְצֹרֶךְ זֶה הֲרִיגָה, חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁנֶּהֱרָגִין, חַס וְשָׁלוֹם, כַּמָּה וְכַמָּה נְפָשׁוֹת מִיִּשְׂרָאֵל, כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה יִחוּד עַל יְדֵי נַפְשׁוֹתֵיהֶם הָעוֹלוֹת לְמַעְלָה.

# שלאף נישט!

דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל מאריך ימים זיין און געדענקען אין דעם רבי'ן, נישט לאזן זיך נארן - **"אט דאס איז דער רבי! אט דאס איז דער רבי וואס ער איז דער בעסטער גוטער פריינד 'בזה ובבא'!"**[לב] נישט לאזן זיך נארן, נישט לאזן זיך אפנארן!

דער רבי האט אריינגעבראכט אזא מין אמת, אזא מין אפהיטן דאס שולחן ערוך, נישט טשעפען קיין סעיף קטן פונעם שולחן ערוך, און די דריי תפילות אזוי - -

דער אמת איז דאך, די נקודה פון חצות שטייט דאך אין שולחן ערוך באלד ביים אנהויב ביים ערשטן סימן. און אינ'אמת'ן איז עס אויך גארנישט אזא מין שווערקייט; וואס איז דאס אזא שווערקייט? מען שלאפט אפאר שעה - און מען שטייט אויף - און מען האט אויף זיך רחמנות! וואס ער טוהט - דאס איז קיין נפקא מינה נישט, ער לערנט, ער דאוונט, ער מישט אויף אביסל לערנען, אביסל דאווענען, וואס ער טוהט איז שוין נישט קיין נפקא מינה - **'שטיי אויף! שלאף נישט אין דער צייט!'**.

דאס איז א פשוט'ע 'אמונה פשוטה' וואס דער זוהר הקדוש ברענגט[לג], אז דער אויבערשטער גייט אריין אין גן עדן, און ער איז זיך משעשע מיט די צדיקים שבגן עדן. און די 'חברים שבגן עדן', דאס מיינט מען די צדיקים, זענען "מקשיבים לקולך" - 'לקולך' פון די אונטערשטע. "השמיעיני" - מאך מיר הערן דיין קול. זיי בענקן דארטן - "אוי, מאך מיר הערן דעם קול פון אונטן!" - די צדיקים שבגן עדן ווילן דעמאלט הערן א קול פון אונטן.

דער וואס שטייט אויף און גיט קולות - וואספארא קולות ער גיט נאר, איז דאס א געוואלדיגער נחת רוח למעלה - 'מען הערט קולות פון אונטן' - פון תורה, תפילה, עס איז נישט קיין נפקא מינה.

---

[לב] עיין ליקוטי הלכות הל' שבועות ה"ב, אות ח': **הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁנִּקְרָא רֵעֲךָ, כִּי רַק הוּא הָרֵעַ וְהָאוֹהֵב אֲמִתִּי הַחוֹשֵׁב עַל תַּכְלִיתְךָ הַנִּצְחִי לְהֵיטִיב עִמְּךָ בְּחִנָּם בְּטוֹב אֲמִתִּי וְנִצְחִי.**

[לג] עיין זוה"ק ריש פרשת פנחס, ובעוד הרבה מקומות.

(ר' נחמן: רבי נתן זאגט, דער וואס לערנט חצות, געפינט זיך אין גן עדן דעמאלט!) **יא יא, ער איז שוין 'דא' אין גן עדן - דער מענטש איז שוין 'דא' אין גן עדן**[לד].

**א טאטע האט געשריבן א בריוו צו א זוהן**[לה]**: "דו זאלסט אויפשטיין חצות, און דו זאלסט אפלערנען א תורה אין ליקוטי מוהר"ן, איז 'עולמך תראה בחייך' - האסטו דעם גן עדן דיינער אין דער וועלט!".**

❖

## אויף מיר וואלט איר געקריגט?!

(רבינו אמר:) **"אויף מיר וואלט איר געקריגט?! איר וואלט דאך געווען משונה'נע מתנגדים!"**[לו] (- לולא חסדיו ית' ורחמיו המרובים שהצילם).

(ר' נחמן: פארוואס וואלטן זיי געווען משונה'נע מתנגדים?) **ווייל זיי זענען 'פרומע'** (ערליכע אידן)**!**[לז].

**יא, מיט דעם אליין האבן מיר וואס צו זיין פרייליך, מיר האבן מיט וואס צו זיין פרייליך, ברוך ה', מיר זענען נישט קיין מתנגדים אויפן רבי'ן! מיר זענען נישט קיין**

---

[לד] עיין ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ד, אות ב': **וּכְשֶׁעוֹמְדִים בַּחֲצוֹת אֲזַי נֶחֱשָׁב כְּאִלּוּ יוֹשֵׁב בְּגַן עֵדֶן**, כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר, שֶׁאָז נָחִית קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְאִשְׁתַּעֲשֵׁעַ עִם צַדִּיקַיָּא בְּגִנְתָא דְּעֵדֶן וְכוּ', וּמִי שֶׁעוֹמֵד אָז וְעוֹסֵק בַּתּוֹרָה מִתְחַבֵּר עִם אוֹתָן הַנְּשָׁמוֹת שֶׁבְּגַן עֵדֶן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב שָׁם בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיִּקְרָא יג).

[לה] עיין טעם זקנים קונטרס קכ"ו שר' אייזיק קראסינשטיין כתב זאת לבנו ר' לייב.

[לו] עיין חיי מוהר"ן אות נ': וְאָמַר הֲלֹא אַתֶּם בְּוַדַּאי הֱיִיתֶם מִתְנַגְּדִים גְּדוֹלִים לוּלֵא חֲסָדָיו וְרַחֲמָיו הַמְרֻבִּים אֲשֶׁר נִצַּלְנוּ מִפַּח יוֹקְשִׁים מִכַּת הַמִּתְנַגְּדִים אֲשֶׁר אִם הָיִינוּ שׁוֹמְעִין לָהֶם חַס וְשָׁלוֹם הָיָה נֶאֱבָד תִּקְוָתֵנוּ חָלִילָה וְכוּ'. עָנָה וְאָמַר כְּמַתְמִיהַּ וְאָמַר, עָלַי הֱיִיתֶם חוֹלְקִים, וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן, **"אוֹף מִיר וָואלְט אִיהר גִיקְרִיגְט"**. גם עיין בעלים לתרופה במכתב מיום א' הושענה רבה תר"ד: שָׁמַעְתִּי מִפִּיו שֶׁאָמַר לִי זֹאת. בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים. **אִין צְוֵויֶיעֶן - אוֹיף מִיר וָואלְט אִיר גְּקְרִיגְט** וְכוּ' וְכוּ'. וַעֲדַיִן עֲדַיִן אֲנִי מְחַיֶּה עַצְמִי בָּזֶה וְכָל חִיּוּתִי הוּא בָּזֶה.

[לז] עיין טעם זקנים קונטרס ח'.

**מתנגדים אויף די ספרים! מיר זענען** (טאקע) **ווייט פון פאלגן, אבער ברוך ה' מיר זענען דאך נישט קיין מתנגדים!**[לח].

(ר' נחמן: ר' נתן שרייבט דאך אין די בריוו[לט], "וואס וואלט איך געטוהן ווען איר ווארפט מיר אויך שטיינער?!"...) **אין דעם עולם איז דא אזא מין העלמה אויף דאס חיות פון אלע וועלטן, אויף דעם רחמן פון אלע וועלטן, אויף דער וואס איז זיך מוסר נפש אלע טאג צו בעטן פאר אלעמען!**

**אט דאס זאגט דוד המלך[מ]: "וַאֲנִי בַּחֲלוֹתָם לְבוּשִׁי שָׂק" - בשעת זיי זענען געווען קראנק האב איך זיך אנגעטוהן א זאַק און איך האב געבעטן גאט פאר זיי; און זיי - "וּבְצַלְעִי שָׂמְחוּ וְנֶאֱסָפוּ"[מא].**

**דער אמת'ער צדיק איז דאך אזא מין רחמן, אזא מין מליץ טוב פאר אלע אידן, ער איז אויף יעדן מליץ טוב. דארף מען זיך טאקע מחיה זיין דערמיט.**

**מען מאכט טאקע אלע טאג א ברכה: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי!". 'אזוי' ווערט געבראכט[מב], מען לויבט אז עס נישט פארביטן געווארן די נשמה. אבער** (- גם יש לומר)**, פשוט - לויב דעם אויבערשטן, ברוך ה', איך שטיי אויף און איך האב אמונה אין דיר, איך גלויב אין דיר, איך בין נישט געווארן קיין גוי, קיין כפירה חלילה; ווער ווייסט וואס עס טוהט זיך אפ א נאכט מיט א מענטשן?!**

---

[לח] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ה' ראה תר"ד: סוֹף כָּל סוֹף הַכֹּל יִתְתַּקְּנוּ, אַךְ מַה גָּדְלוּ חַסְדֵי ה' שֶׁאָנוּ יוֹדְעִים מֵהָעוֹסֵק בְּתִקּוּנֵנוּ, **וְאֵין אָנוּ מִתְנַגְּדִים חַס וְשָׁלוֹם עַל הַמִּשְׁתַּדֵּל בְּהַצָּלָתֵנוּ לָנֶצַח, אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ וְכוּ'. בָּרוּךְ אֱלֹהֵינוּ וְכוּ**, ועוד הרבה במכתבים.

[לט] עיין שם במכתב מיום ד' תצוה תקצ"ה.

[מ] תהלים לה, יג. ובמצו"ד: בחלותם - כשהיו חולים היה לבושי שק והייתי מענה נפשי בצום בעבורם.

[מא] עיין גם חיי מוהר"ן אות שצ"ו מה שמפרש עה"פ "ואנכי אפדם".

[מב] עיין מגן אברהם על או"ח סי' מ"ו סק"י. גם עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ג, אות י': וְזֶה בְּחִינַת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר, בְּחִינַת בִּרְכַּת שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי וְעֶבֶד וְאִשָּׁה שֶׁמְּבָרְכִין בְּכָל בֹּקֶר עַל שֶׁלֹּא נֶחְלְפָה נִשְׁמָתוֹ בְּנִשְׁמַת גּוֹי וְעֶבֶד וְאִשָּׁה, כַּמְבֹאָר בְּכִתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל. נִמְצָא, שֶׁעִקַּר אֵלּוּ הַבְּרָכוֹת הוּא עַל שֶׁנִּצּוֹל נַפְשׁוֹ מִבְּחִינַת הַחֲלִיפִין הַנַּ"ל שֶׁנִּמְשָׁכִין מֵהֵיכְלֵי הַתְּמוּרוֹת, שֶׁהֵם בְּחִינַת החליפין שֶׁל בֶּן הַמֶּלֶךְ הַנַּ"ל שֶׁנֶּחֱלַף.

"מודה אני לפניך", איך האב אמונה אין דיר, איך גלויב אז מיין אויפשטיין איז נישט קיין טבעיות אז בלויז מען שטייט אויף, נאר "שהחזרת בי" - דו האסט מיר אומגעקערט מיין נשמה "בחמלה"! איך לויב דיר 'שהחזרת בי נשמתי'; אט דאס גיט שוין אריין אַן אמונה אין דעם מענטשן - א נייע אמונה - 'מיין אויפשטיין איז נישט קיין מקרה, נאר דו האסט מיר אומגעקערט מיין נשמה!'.

❖

## זיין איינציגסטע טרייסט

אז דער אויבערשטער העלפט טאקע, מען גיסט זיך אפּ נעגל וואסער, מען שטייט אויף, מען איז זיך מכין, מען זעצט זיך אוועק ביים טיש, און וואס מען טוהט עפּעס, איז דאס א נחת רוח למעלה.

עס איז א לשון פונעם זוהר דא[מג]: "זינט דער בית המקדש איז חרוב האט נישט דער אויבערשטער קיין נחמה נאר אז א איד שטייט אויף חצות אין דער צייט!" - אט דאס איז זיין נחמה. וויפיל מען איז אים מנחם האט ער נישט קיין נחמה נאר מיט דער זאך!

אז מען זאל וויסן דאס גרויסקייט דערפון, וואלט נישט געווען קיין שום שוועריקייט אויפצושטיין... נאר אזוי ווי מען קען טאקע נישט וויסן, דארפן מיר גלויבן! דאס גרויסקייט איז געוואלדיג גרויס, געוואלדיג גרויס!

שטיי אויף און טוה עפּעס, טוה 'עפּעס' אין דער צייט.

עס איז דא א לשון וואס שטייט אין די הקדמה פון תיקונים[מד]: דער קטרוג פון דעם יצר הרע איז בכל יום ויום, ער איז מקטרג אויף יעדן איינעם בכל יום ויום. זאגט דער זוהר, "הבא להרגך" - דאס איז דער יצר הרע, ווייל בכל יום ויום איז ער מקטרג אויף

---

[מג] [עיין זוהר חדש פר' אחרי].

[מד] דף ח:

דעם מענטשן מיט אלע מיני (טענות. על כן העצה היא) "השכם" - פעדער זיך, שטיי אויף גאנץ פרי.

אונזערע לייט פלעגן זאגן, מען דארף אויפשטיין נאך פאר אים. "השכם" - שטיי אויף פריער און רעד צום אויבערשטן דיבורים נאך איידער ער הויבט אָן רעדן דארטן.

ווייל וואס קומט ער מקטרג זיין? ער האט געקוקט, ער האט געטראכט, ער האט געטוהן. (והשי"ת אומר לו:) **"ער האט מיר שוין דערציילט פריער, איך האב שוין פון אים געהערט פריער נאך פאר דיר - ער האט מיר שוין אליין דערציילט!"**[מה].

(השואל: דאס מיינט מען דעם "השכם"?) יא, שטיי אויף פריער, דערצייל דעם אויבערשטן, דערצייל דעם אויבערשטן פריער.

יעדעס דיבור וואס עס איז דא פונעם רבי'ן, איז דאך עס א דיבור אויף איצטער און אויף שפעטער, א רפואה, א רעצעפט[מו].

דער רבי גיט נישט קיין שווערע רעצעפטן; אז דער רבי זאגט[מז]: "יש להקל אופן התשובה על החוטאים" - איז עס דער גאנצער ספר אזוי!

די גרינגסטע פרנסה וואס א מענטש האט נאר - וואס ער זאל נאר נישט טוהן, איז ער דאך פארט משועבד; אז ער האט א קלייט - לויפט ער פרי און ער קויפט. אבער

---

[מה] עיין ליקוטי הלכות הל' הרשאה ה"ג, אות ז': **עַל יְדֵי שֶׁאָדָם מִתְבּוֹדֵד בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ וְשׁוֹפֵט אֶת עַצְמוֹ עַל כָּל מַעֲשָׂיו שֶׁעָשָׂה וּמְעוֹרֵר עַצְמוֹ לַעֲבוֹדַת ה' יִתְבָּרַךְ בְּכָל פַּעַם וְעַל יְדֵי שֶׁיֵּשׁ מִשְׁפָּט לְמַטָּה אֵין דִּין לְמַעְלָה** כַּנַּ"ל, וּבִפְרָט אִם זוֹכֶה לְהִתְעוֹרֵר עַד שֶׁעוֹשֶׂה מִשְׁפָּט בְּעַצְמוֹ מַמָּשׁ, דְּהַיְנוּ שֶׁמִּתְעַנֶּה וּמְסַגֵּף עַצְמוֹ אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ עוֹלֶה לִכְלוּם נֶגֶד מַעֲשָׂיו כַּנַּ"ל, אַף עַל פִּי כֵן **מֵאַחַר שֶׁהוּא בְּעַצְמוֹ עוֹשֶׂה הַדִּין בְּעַצְמוֹ עַל יְדֵי זֶה מְבַטֵּל מִמֶּנּוּ כָּל הַדִּינִים שֶׁלְּמַעְלָה, אַף עַל פִּי שֶׁעָשָׂה אֲלָפִים וּרְבָבוֹת יוֹתֵר בְּלִי שִׁעוּר וָעֵרֶךְ, אַף עַל פִּי כֵן מְבַטֵּל כֻּלָּם עַל יְדֵי הַמִּשְׁפָּט שֶׁלּוֹ שֶׁשּׁוֹפֵט אֶת עַצְמוֹ** כַּנַּ"ל, **כִּי כְּשֶׁיֵּשׁ דִּין לְמַטָּה אֵין דִּין לְמַעְלָה.**

[מו] עיין שיחות הר"ן אות ר"ז: אָמַר: לִפְעָמִים אֲנִי מְדַבֵּר אֵיזֶה דִּבּוּר לְאֵיזֶה אָדָם, וְאֵין הַדִּבּוּר עוֹשֶׂה פְּעֻלָּתוֹ עַד לִזְמַן רָחוֹק. כְּמוֹ שֶׁיֵּשׁ כְּשֶׁנּוֹתְנִין אֵיזֶה סַמִּים לִרְפוּאָה. לִפְעָמִים הַסַּם עוֹשֶׂה פְּעֻלָּתוֹ וּמוֹעִיל מִיָּד וְלִפְעָמִים צָרִיךְ הַסַּם לִשְׁהוֹת בְּתוֹךְ הָאָדָם אֵיזֶה זְמַן וְאַחַר־כָּךְ הוּא עוֹשֶׂה פְּעֻלָּתוֹ. כְּמוֹ־כֵן יֵשׁ דְּבָרִים שֶׁהוּא מְדַבֵּר שֶׁהֵם מֻנָּחִים אֵצֶל הָאָדָם וְאֵינָם מְעוֹרְרִים אוֹתוֹ עַד לִזְמַן רָחוֹק. אֲבָל סוֹף כָּל סוֹף יַעֲשֶׂה הַדִּבּוּר פְּעֻלָּתוֹ וְיוֹעִיל בְּוַדַּאי.

[מז] ספר המידות - ערך 'תשובה', אות י"ט.

'דאס' - וואס איז דאס א שווערע זאך? אז דו גיסט זיך אפ נעגל-וואסער, דו טוסט זיך אָן, דו זעצט זיך אוועק, און דו נעמסט א ספר - א "שערי ציון", תפילות, דאס, יענץ, און דו עפנסט דאס מויל און דו רעדסט א דיבור צום אויבערשטן - וואס איז דאס אזא מין שווערע זאך? אזוי שווער איז דאס?! ס'איז גארנישט שווער!

די גרינגסטע עבודה בגשמיות איז שווערער ווי די שווערסטע עבודה ברוחניות! וואס איז די שווערסטע עבודה ברוחניות? די שווערסטע עבודה איז אויפשטיין חצות און רעדן צום אויבערשטן דיבורים; ביי די גרינגסטע עבודה בגשמיות לויפט ער דארט ארום און ער טוהט[מח].

נאר מען רעדט נישט דערפון, מען איז נישט מטעים דער זאך. מען דארף דאס גוט אריינקלאפן אין קאפ אריין - 'אט דאס איז עס, דאס דארף מען טוהן'! מיר זענען דאך ארומגענומען מיט קטרוגים; אט דאס איז דער פדיון, "חצות מסוגל כמו פדיון"[מט], מאך זיך א פדיון אלע טאג, שטיי אויף.

יעדעם דיבור וואס דער אמת'ער צדיק רעדט איז מלא רחמנות - דער דיבור איז מלא רחמנות! ער איז פול מיט רחמנות, ער איז פול מיט אזא מין עמקות'דיגע רחמנות! דער דיבור לייגט זיך אים אריין אין אלע ביינער!

❖

---

[מח] עיין ליקוטי הלכות הל' ערבית ה"ד, אות ז': **וּכְמוֹ שֶׁשָּׁמַעְנוּ פַּעַם אַחַת מִשִּׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים, שֶׁאָמַר בְּפִיו הַקָּדוֹשׁ בְּצַחוּת מְתִיקוּת נְעִימוּת שִׂיחָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה וְהַנּוֹרָאָה מְאֹד מְאֹד עַד אֵין סוֹף וְאֵין תַּכְלִית, שֶׁהָעֲבוֹדָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבַּגְּדוֹלוֹת בַּעֲבוֹדַת ה' יִתְבָּרַךְ קַלָּה בְּיוֹתֵר לַעֲשׂוֹת מֵעֵסֶק קָטָן שֶׁמַּטְרִיחִין עַצְמָן בִּשְׁבִיל פַּרְנָסָה וְעִסְקֵי הָעוֹלָם הַזֶּה.** כִּי הֲלֹא אָנוּ רוֹאִין כַּמָּה יְגִיעוֹת יָגֵעַ אָדָם בִּשְׁבִיל לִנְסֹעַ עַל אֵיזֶה יָרִיד, שֶׁתֵּכֶף בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּת צָרִיךְ לִטְרֹחַ וּלְחַפֵּשׂ אַחַר עֲגָלָה וְנֶחְפָּז מְאֹד לִטְעֹן סְחוֹרָתוֹ עַל הָעֲגָלָה בִּיגִיעָה גְּדוֹלָה. וְאַחַר כָּךְ צָרִיךְ לִנְסֹעַ כָּל הַלַּיְלָה וּלְנַדֵּד שֵׁנָה מֵעֵינָיו. וּמְשַׁבֵּר כָּל גּוּפוֹ מֵחֲמַת שֶׁצָּרִיךְ לֵישֵׁב עַל עֲגָלָה טְעוּנָה וּשְׁאָר טְרָחוֹת וִיגִיעוֹת כַּיּוֹצֵא בָּהֶן כַּיָּדוּעַ לְהָעוֹלָם. וְאַחַר כָּךְ צָרִיךְ לַעֲמֹד כָּל הַיּוֹם עַל רַגְלָיו וְכוּ' וּבִפְרָט בִּימוֹת הַקֹּר הֶעָצוּם וְכוּ'. וְכָל אֵלּוּ הַיְגִיעוֹת וְהַטִּרְחוֹת הַכְּבֵדוֹת וְהַקָּשׁוֹת הוּא מַטְרִיחַ עַצְמוֹ עַל סָפֵק. כִּי סָפֵק אִם יַרְוִיחַ אֵיזֶה רֶוַח קָטָן וְסָפֵק אִם יְאַבֵּד הַהוֹצָאוֹת כַּיָּדוּעַ לְהָעוֹלָם. נִמְצָא שֶׁעַל עִסְקֵי פַּרְנָסַת הָעוֹלָם הַזֶּה מַטְרִיחִין עַצְמָן כָּל כָּךְ בִּיגִיעוֹת כָּאֵלֶּה עַל סְפֵק רֶוַח קָטָן. **וְהָעֲבוֹדָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבַּגְּדוֹלוֹת הִיא הַתְּפִלָּה, וְאַף עַל פִּי כֵן כְּשֶׁעוֹמְדִין לְהִתְפַּלֵּל מִתְפַּלְּלִין וְגוֹמְרִין הַתְּפִלָּה.**

[מט] ליקוטי מוהר"ן סי' קמ"ט.

## דער גוסס זיצט און האקט שטיקער יורה דעה...

איך האב שוין דערציילט אמאל, איך חזר דאס נאכאמאל איבער. מיר האבן געהאט איינעם אין טעפליק - "יוסל", ער האט נאכדעם געוואוינט אין טולטשין. זיינע קינדער האב איך געקענט. ער פלעגט פארן מיט א פעסל הערינג אויפן יריד - יענע פרנסה... א פעסל הערינג אויף א יריד, אין די קעלט.

אז ער איז אהיימגעקומען פון דעם יריד איז ער פארשלאָפט געווארן פון די שניי מיט די קעלט, און די דאקטוירים האבן זיך שוין מייאש געווען פון אים, ער איז פארקילט אינגאנצן, ער האט נישט פון וואס צו לעבן, ער האט נישט צו דוכען (- לנשום).

עמיצער איז אריינגעלאפן צו אים און געזעהן נעבעך אז - - (- אט גייט ער אויס). נאך האלבע נאכט גיט ער א קוק, זעהט ער דארטן עס לייכט זיך. האט ער פארשטאנען, מסתמא איז ער שוין נפטר געווארן, ממילא לייכט זיך... איז ער צוגעגאנגען, זעהט ער, יענער איז געזעצן מיט א גרויסן יורה דעה און געלערנט... ער איז געווען א גרויסער למדן אט דער חולה.

מען האט געמיינט אז ער איז שוין דארטן - - - איז ער געזעצן מיטן גרויסן יורה דעה, און ער האט שוין געלערנט נאך חצות...

אזא מין חולה וואס די דאקטוירים האבן אים שוין מייאש געוועזן, איז ער שוין געזעצן און געלערנט נאך חצות!

מען האט געהאט אזא אמונה אינעם רבי'ן, מען האט געפילט - 'אט דאס איז מיין חיות!' ממה נפשך, אויב ער דארף טאקע יא נסתלק ווערן, איז אוודאי גוט אז די נאכט זאל זיין א נאכט פון חצות פריער! - איז דאך אוודאי גוט אזוי.

"מי שיש לו אמונה - חייו חיים!"[ג] - אז מען האט אמונה, איז דאס לעבן א לעבן! איז עס געלעבט! עס איז א לעבן! אז מען האט נישט קיין אמונה - איז קיין לעבן נישט!

❖ ❖ ❖

[ג] שיחות הר"ן אות נ"ג; אות ק"ב.

# זיין געניט אין די וועגן

(כנראה ששואלים אותו על דיוק הלשון בתורה ו': "צריך להיות בקי בהלכה", עיין שם אות ד':)

פארוואס הייסט א הלכה פונעם שולחן ערוך, "הלכה"? נאר דאס איז א הילוך! די הלכה דאס איז א הילוך אין די תורה[נא].

אויב איך האב נישט די הלכה, איז ביי מיר אויסגעמישט; אזוי ווי דער רבי רעדט אין תורה ח'[נב], אין די תורה איז דא זעקס בחינות: אסור-מותר, כשר-פסול, טהור-טמא. דאס איז מיר אויסגעמישט, איך האב נישט קיין הילוך, איך האב נישט קיין גאנג אין די תורה.

אז איך לערן די הלכה, האב איך א הילוך אז אט דאס איז דער גאנג - דאס איז טהור, דאס איז כשר, דאס איז טמא, דאס איז פסול. אז איך האב א הילוך, גיי איך אין דער זאך. אבער אז זיי זענען אויסגעמישט, איך ווייס נישט וואו ס'איז כשר, איז דאס אזוי ווי א מענטש גייט אין וועג און איך ווייס נישט וואו איך זאל גיין, צו דא - צו דא, האב איך דאך נישט קיין הילוך, איך האב נישט קיין גאנג.

אז איך ווייס - דא גיי יא, דא גיי נישט, דא איז טמא, דא איז טהור, האב איך דאך א הילוך, איך ווייס וואו צו גיין.

אז איך האב צוויי וועגן פאר זיך, איין וועג איז טהור, און איין וועג איז טמא, אז איך ווייס נישט - ווייס איך נישט וואו איך זאל גיין; אבער אז איך ווייס יא, האב איך א

---

[נא] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הפירות ה"ה, אות י"ג: **עִקַּר בְּקִיאוּת בַּהֲלָכָה הוּא לִזְכּוֹת לַהֲלָכוֹת כְּאִלּוּ שֶׁעַל יָדָם יְקַיֵּם אֶת דִּבְרֵי הַתּוֹרָה, כִּי לֹא הַמִּדְרָשׁ הוּא הָעִקָּר אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה.** גם עיין שם הל' בציעת הפת ה"ה, אות ל"ב: **וְעַל שֵׁם זֶה נִקְרָאִים הֲלָכוֹת לְשׁוֹן הֲלִיכָה כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, אַל תֹּאמַר הֲלִיכוֹת אֶלָּא הֲלָכוֹת. הַיְנוּ שֶׁעַל יְדֵי הַהֲלָכוֹת יִזְכֶּה לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי ה' וְלָשׁוּב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ שֶׁזֶּהוּ עִקַּר שְׁלֵמוּת עֵסֶק הַתּוֹרָה שֶׁנִּזְכֶּה עַל יְדֵי הַלִּמּוּד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם.** גם עיין שם הל' פריקה וטעינה ה"ד, אות כ"ט: **וְעַל כֵּן נִקְרָאִים הַהֲלָכוֹת הֲלִיכוֹת עוֹלָם כִּי עִקַּר שְׁלֵמוּת הַהֲלָכָה שֶׁיִּזְכֶּה עַל יָדָהּ לֵילֵךְ בָּהּ לְהִתְקָרֵב עַל יָדָהּ לַה' יִתְבָּרַךְ לַעֲבוֹדָתוֹ בִּבְחִינַת הֲלִיכוֹת עוֹלָם שֶׁיִּזְכֶּה לִשָּׁאֵר עַל עָמְדוֹ בִּקְדֻשָּׁה לְעוֹלָם וָעֶד.**

[נב] עיין שם אות ו'.

הילוך, האב איך א גאנג, איך האב א גאנג אין די תורה. אט דאס הייסט א הלכה - איך האב א הילוך[נג].

(השואל: ווי קען איך טאקע וויסן און זיין בקי אין דעם דעת פונעם צדיק?) **געוועגליך** (- פארשטייט זיך), מען דארף לערנען אויך, "ולא עם הארץ חסיד"[נד], מען דארף לערנען די תורה פונעם צדיק, און מאכן פון תורות תפילות, און מקיים זיין וואס מען לערנט; אזוי איז יעדע זאך אין אידישקייט א הילוך.

(רביז"ל אמר:) "אָן התבודדות איז מען פלוטעס!"[נה]. א פלוט הייסט א מבולבל, א מבוהל, נישט קיין מיושב'דיגער. איז אויך דאס אייגענע, ער האט נישט קיין הילוך, א מבוהל. דאס רעדן צום אויבערשטן, דאס ישוב הדעת, דאס גיט דעם מענטשן א הילוך, ער האט א גאנג, ער ווייסט אז אפילו למשל ער איז נישט אזוי גאנץ, אבער ער ווייסט 'אט דאס איז דער וועג, דאס איז דער וועג, איך האב א גאנג!' - ער איז בקי אין 'דער' הלכה, ער איז בקי אין 'דער' הלכה, אין דעם הילוך.

(ר' נחמן בורשטיין: דער רבי רעדט דאך דארטן וועגן די 'דרכי התשובה' - א דרך תשובה), **אוודאי**, אלץ א 'דרך' - א וועג, עס איז א וועג, עס איז אלץ וועגן, "דֶּרֶךְ רְשָׁעִים כָּאֲפֵלָה"[נו], אלץ דרך, "יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה' וְצַדִּקִים יֵלְכוּ בָם"[נז] - די דרכי ה' זענען גלייכע וועגן, נאר די צדיקים גייען, און "וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם", אבער דער וועג איז דאך א וועג. דאס איז אלץ א לשון פון וועגן!

---

[נג] עיין ליקוטי הלכות הל' גיטין ה"ג, אות כ"ד: **כְּשֶׁיּוֹדֵעַ הָעֵצָה אֵיךְ לְהִתְנַהֵג זֶהוּ בְּחִינַת שֶׁיּוֹדֵעַ הַדֶּרֶךְ לֵילֵךְ, וְעַל כֵּן כָּל הַתּוֹרָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת עֵצוֹת וְהַנְהָגוֹת דִּקְדֻשָּׁה, נִקְרֵאת "דֶּרֶךְ"**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "בְּכָל הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר צִוֵּיתִי אֶתְכֶם תֵּלֵכוּ". וּכְתִיב (תְּהִלִּים קיט), "דֶּרֶךְ מִצְוֹתֶיךָ אָרוּץ", וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה הַרְבֵּה, וּכְשֶׁאֵין יוֹדֵעַ הָעֵצָה אֵיךְ לְהִתְנַהֵג וְהָעֵצָה חֲלוּקָה אֶצְלוֹ זֶהוּ בְּחִינַת שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ בְּאֵיזֶהוּ דֶּרֶךְ הוּא מְהַלֵּךְ, וְעַל זֶה בִּקֵּשׁ דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם (שָׁם קמג), "הוֹדִיעֵנִי דֶּרֶךְ זוּ אֵלֵךְ וְכוּ'". (שָׁם קיט) הַדְרִיכֵנִי בִּנְתִיב מִצְוֹתֶיךָ וְכוּ'.

[נד] אבות פ"ב, מ"ה.

[נה] עיין שיחות הר"ן רכ"ח: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר: בְּוַדַּאי נִמְצָאִים כְּשֵׁרִים אַף עַל פִּי שֶׁאֵין לָהֶם הִתְבּוֹדְדוּת. אֲבָל אֲנִי קוֹרֵא אוֹתָם "**פְלֵייטֶיס**" מְבֹהָלִים וּמְבֻלְבָּלִים. וּפִתְאֹם כְּשֶׁיָּבוֹא מָשִׁיחַ וְיִקְרָא אוֹתָם יִהְיוּ מְעֻרְבָּבִים וּמְבֻלְבָּלִים. אֲבָל אֲנַחְנוּ נִהְיֶה דּוֹמִים כְּמוֹ הָאָדָם אַחַר הַשֵּׁנָה שֶׁדַּעְתּוֹ נוֹחָה וּמְיֻשֶּׁבֶת הֵיטֵב כֵּן תִּהְיֶה דַּעְתֵּנוּ נוֹחָה וּמְיֻשֶּׁבֶת עָלֵינוּ בְּלִי מְהוּמָה וּבִלְבּוּל.

[נו] משלי ד, יט.

[נז] הושע יד, י.

דער זעלבער וועג, אז דער אויבערשטער העלפט אים, איז עס א 'זָכָה', גייט ער מיט דעם וועג - אז נישט, אין דעם זעלבן וועג ווערט ער געשטרויכלט; ער גייט דורך אויף דעם זעלבן וועג - און ער פאלט אריין אין דעם וועג!

אזוי איז אין יעדע מצוה, אין יעדער מאמר חז"ל, ביי יעדעם דיבור; וויפיל מענטשן ווערן נתפקר פון די מעשה פון תמר מיט יהודה, פון די מעשה פון ראובן'ען, מענטשן ווערן נתפקר דערפון, און פון נאך מעשיות וואס איז דא אין חז"ל. און דער אנדערער ווערט נתעורר צו תשובה. פארוואס? ווייל אזוי האט דער אויבערשטער געגעבן די תורה; ער האט עס געגעבן אויף א וועג, אז אויב דו וועסט זיין א 'זָכָה', ווערט עס א 'סם חיים', דו וועסט גיין אזוי ווי מען דארף גיין, דו וועסט נתעורר ווערן צו תשובה דורך דער זאך; און אז דו וועסט זיין א 'לא זכה', וועסטו דארטן ווערן געשטרויכלט. אזוי (- אָן דעם) וואלט דאך קיין בחירה נישט געווען, אט דאס איז די בחירה!

אינגאנצן דער שבח פון אידן איז נאר וואס זיי האבן א בחירה, ער קען זיך בוחר זיין[נח]. מען האט דיר געגעבן צוויי וועגן, דו זיי דיר בוחר, קלויב דיר אוים, "ובחרת" - קלויב זיך אוים! די תורה זאגט דיר צו[נט]: "וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים - לְמַעַן תִּחְיֶה אַתָּה וְזַרְעֶךָ!" מען זאגט אים צו א ברכה; אבער מען זאגט אים - דו קלויב דיר אוים.

❖ ❖ ❖

## נישט טשעפען דעם שולחן ערוך

(אחד הנוכחים: דער עיקר איז דער זמן, מען דארף היטן דעם זמן. איך האב געהערט אז דער "נפש החיים" האט א גאנצע אריכות קעגן אזעלכע חסידים וואס היטן נישט דעם זמן[ס]. זעהט מען אז עס איז געווען

---

[נח] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' נ"ד: אֵצֶל אֲחֵרִים יֵשׁ דְּבָרִים שֶׁהֵם מֻכְרָחִים בָּהֶם, **אֲבָל אֵצֶל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי, כָּל דָּבָר וְדָבָר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה, כְּגוֹן לִנְסֹעַ לְאֵיזֶה מָקוֹם וְכַיּוֹצֵא, יֵשׁ בּוֹ עֲבוֹדָה, וְעַל כֵּן יֵשׁ לוֹ בְּחִירָה עַל הַכֹּל.**

[נט] דברים ל, יט.

[ס] עיין נפש החיים שער ג' פרק ד', ובפרק ח', ומסיים שם בזה"ל: אבל לבך תשית לדעת חכמים בעלי תורה אשר כבר הורונו חז"ל **שהעיקר הוא עשיית המצוה בזמנה בכל פרטיה ודקדוקיה חק ולא יעבור**, וטהרת המחשבה טובה תצרף למעשה, אז תלך לבטח, וזה וזה יתקיימו בידיך.

חסידים וואס האבן נישט געטוהן אזוי. דער דרך פון דעם רבי'ן איז טאקע צו פאלגן דעם שולחן ערוך, זיך מצמצם זיין צום זמן. דער דרך פון אנדערע איז נישט געווען אזוי, צוליב דעם האט דער "נפש החיים" געשריבן זיין ספר, און ער שרייט - "געוואלד! מען מאכט גאנצענע הכנות, אבער מען טוט מצוות שלא בזמן!") מיר ווייסן אבער, עס איז דא א נאכט פארן דאווענען!

איך האב גערעדט מיט חסידים, זיי האבן געזאגט, 'ווי קען מען, מען דארף דאך מאכן א הכנה?' זאגט מען אים, 'עס איז דא א נאכט פריער, דו קענסט מאכן די הכנות ביינאכט, דער אויבערשטער גיט דיר פריער א נאכט!'.

ווער הייסט דיר אויפשטיין אין שוין די הויזן און זיך שטעלן דאווענען? שטיי אויף פריער מיט עטליכע שעה! וועסטו קענען גיין אין מקוה, וועסטו זיך קענען צוגרייטן פארן דאווענען!

דער אויבערשטער גיט מיר נישט אזא מין זמן וואס איך זאל זיך נישט קענען אזוי צוגרייטן צום דאווענען; אז מען האט דיר געגעבן א זמן, קענסטו ברוך ה'!

וואס דען, מיר רעדן דאך דא אויך צו היטן דעם שולחן ערוך, נאר דער חילוק איז אזוי, רבי חיים וואלאזשינער זאגט דאס אויפן ליטווישן וועג, און מיר האבן אמונה אין דעם בעל שם הקדוש און אין אלע צדיקים - און ביי זיי איז דאס נישט געווען; אבער מיטן היטן דעם שולחן ערוך האלטן מיר גלייך מיט זיי ברוך ה'.

(הנ"ל: דער רבי זאגט, "די צדיקים וואס דאווענען שפעט איז עס א טעות"!) "שוגים בזה"[סא]. מיר רעדן נישט קיין שלעכטס אויף זיי, מיר זאגן נאר אז מען דארף טוהן אזוי, מיר רעדן אז דאס איז דער וועג.

(ר' נתן אנשין: דער רבי זאגט דאך[סב], די וועלט האט צוויי טעותים; 'אז א צדיק אויב ער האט א טעות - ווערט ער אויס צדיק' - -) יא יא. דער רבי האט אזוי געזאגט: "ער איז נישט אויס צדיק", אבער א טעות איז עס. ממילא איז דאך אזוי, איך מאך אים נישט פאר אויס צדיק,

---

[סא] חיי מוהר"ן אות תפ"ז: אָמַר הַצַּדִּיקִים שׁוֹגִים בָּזֶה בַּמֶּה שֶׁמְּאַחֲרִים זְמַן תְּפִלָּה.

[סב] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג, אות ש"ח: רבינו אמר: "צְוֵויי זַאכְן הָאט דִי וֶועלְט אַ טָעוּת: דִי וֶועלְט זָאגְט אַז אַ צַדִּיק קֶען קֵיין טָעוּת נִישְׁט טָאן; טוּט עֶר אַ טָעוּת - וֶוערְט עֶר אוֹיס צַדִּיק. אִיךְ זָאג נִישְׁט אַזוֹי: אַ צַדִּיק קֶען אוֹיךְ טָאן אַ טָעוּת, אוּן אַז עֶר טוּט אַ טָעוּת - וֶוערְט עֶר נִישְׁט אוֹיס צַדִּיק!".

**אבער דער רבי זאגט - דעם טעות זאל מען נישט טוהן; נאר ער איז ווידער א צדיק, דאס איז נישט מיין עסק.**

(אחד הנוכחים הנ"ל: די שאלה איז, וואס איז דער פשט פון 'אמונת חכמים'; די ליטווישע גלויבן אז נאר די חז"ל זיי זענען די חכמים - [סג]) **און דער בית יוסף מיטן רמ"א זענען נישט קיין חכמים?! און דער ט"ז מיטן ש"ך זענען נישט קיין חכמים? און דער מסילת ישרים איז ביי זיי נישט קיין חכמים?!**

(הנ"ל: און די אלע אנדערע צדיקים?) **אט דאס איז די זאך; קענען מאכן א שינוי - דאס איז נאר אין דער עמקות העבודה, אבער דער זמן פון די עבודה - דאס טאר מען נישט טשעפען. דו קענסט זיך אנגארטלען, מיט אלע מיני זאכענישן, לייג אריין מער כוחות אין תפילה, אבער דאס קנייטשן - נישט. דער זמן איז דער זמן.**

(הנ"ל: מען זעהט דאך, קריאת שמע פון ביינאכט, כאטש מדאורייתא איז דער זמן א גאנצע נאכט, אבער חז"ל זאגן אז איינער ליינט קריאת שמע נאך חצות איז ער נישט יוצא, זעהט מען דאך אז די חכמים האבן א כח!?) **דאס** (- אז מען קען ליינען ביז חצות) **איז אויך נאר בדיעבד; לכתחילה אז עס ווערט נאכט, טאר איך אפילו נישט לערנען אויך, סיידן א שיעור קבוע דאס איז אַן אנדערע זאך. אז עס ווערט נאכט - נישט עסן, נישט טרינקען, גיי דאוון. נאר בדיעבד איז דא זמנים, אבער לכתחילה?!**

**ביי מעריב איז דאס נאך מער, ווייל עס כאפט זיך אריין א שינה, ביי מעריב אז עס ווערט נאכט, בין איך מחוייב. אז איינער האט זיך שיעורים קבועים, דארף ער פריער דאווענען מעריב און נאכדעם לערנען די שיעורים קבועים, ווייל עס קען אים אנכאפן די שינה, כאטש ביי מעריב האבן מיר א גרויסן זמן מער ווי אינדערפרי, פונדעסטוועגן לכתחילה דארף מען** (גלייך דאווענען).

(הנ"ל: זעהען מיר אבער אז די חכמים האבן א כח צו משנה זיין, איז די חסידים האבן גע'טענה'ט אז זיי זענען אויך חכמים!) **אט דאס איז דער טעות! דער בעל שם הקדוש און די** (- ותלמידיו) **זענען**

---

[סג] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קכ"ג: הָעִקָּר וְהַיְסוֹד שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ, לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר, וּלְקַבֵּל דְּבָרָיו עַל כָּל אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה, דָּבָר קָטֹן וְדָבָר גָּדוֹל. וְלִבְלִי לִנְטוֹת, חַס וְשָׁלוֹם, מִדְּבָרָיו יָמִין וּשְׂמֹאל, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סִפְרִי פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים): **'אֲפִלּוּ אוֹמֵר לְךָ עַל יָמִין שְׂמֹאל'** וְכוּ'.

נאר געווען חכמים אין דער עמקות פון די עבודה, אבער אין זמנים האבן זיי זיך נישט געמישט.

(הנ"ל: אבער זיי - - ?) מיר רעדן נישט פון זיי, מיר רעדן נאר פון מחדד זיין אונזער זאך, אט דאס איז דער אמת, אט דאס דארפן מיר וויסן. וואס איז מיר א חילוק וועגן זיי? איך וועל אפגעבן דין וחשבון פאר זיי? אז מען וועט זיי פרעגן - וועלן זיי ענטפערן וואס זיי וועלן דארפן ענטפערן. אבער אונז וועט מען זאגן, 'דו האסט דאך געהאט א רבי - דו דארפסט פאלגן דיין רבי; ווער איז געווען דיין רבי? אז אייער רבי האט אייך געזאגט איר זאלט היטן דעם שולחן ערוך - דארפסטו פאלגן דיין רבי'ן!' - מיר האבן נישט די אלע תירוצים. וואס איז דאס מיין עסק? איך ווייס וואס וועט זיך טוהן אין יענעם עולם??!

מיר דארפן מחזק זיין אונזער זאך, ברוך ה' מיר האבן אַן אמת'ן רבי'ן, און ער האט געזאגט - "דו זאלסט היטן דעם שולחן ערוך!". "איר מעגט קנייטשן מיין ספר ווי איר ווילט - נאר דאס זאלט איר נישט טשעפען!" - אט דאס דארפן מיר וויסן, אט דאס איז אונזער וועג! דער וואס ווערט נקרא אויף דעם נאמען - דארף עס פאלגן! אז איך גיי אין דעם חדר - דארף איך פאלגן מיין רבי'ן!

## פארוואס האלטן מיר דעם שולחן ערוך?

(הנ"ל: אבער מיר פאלגן דעם שולחן ערוך - נישט ווייל עס איז דא א שולחן ערוך, נאר אויך ווייל דער רבי האט געהייסן...) ניין ניין! די מתנגדים אויף אונז זאגן אזוי, אז די ברסלב'ער האלטן דעם שולחן ערוך ווייל זייער רבי האט זיי אזוי געהייסן - און נישט ווייל זיי האלטן דעם שולחן ערוך... - די מתנגדים זאגן דאס אזוי.

דער אמת איז אבער - עס איז נישט אזוי; דער אמת איז, דער שולחן ערוך איז אזוי גרויס, אז דער צדיק אמת קען זיך גארנישט רירן אָן דעם! מיר הויבן אָן ביי דעם שולחן ערוך! דער שלחן ערוך איז אזוי הייליג און אזוי גרויס, אז דער וואס איז א צדיק אמת קען נישט רירן דעם שולחן ערוך - ער האט נישט קיין שום כח אים צו רירן!

(הנ"ל: עס שטייט דאך אז דער רבי האט געוואלט מאכן אַן אייגענעם הלכה ספר!?) **נישט אַן אייגענעם, נאר א בירור אין די הלכה! דער רבי האט געוואלט מאכן א בירור הלכה, אז עס זאל זיין גרינג צו לערנען די הלכה בבירור, נישט קיין 'אנדערער' חס ושלום![סד]**.

**ביי יעדעס סעיף אין שולחן ערוך דארף מען האבן דאס ווארעמקייט פון דעם צדיק אז מען זאל מקיים זיין דעם סעיף - דעם עמקות פון דעם סעיף![סה]**.

**עס שטייט באלד אין אנהויב, אין דעם ערשטן סעיף שולחן ערוך** (- "שויתי ה'" וכו') **- אז עס זאל זיין ביי דיר גליך - אפילו בשעת'ן ליגן[סו]. צו מקיים זיין אט דעם סעיף, וואס מער מען רעדט צום אויבערשטן, קען מען דעם סעיף מער מקיים זיין!**

**און אזוי ווייטער, "חצות" - עס איז א סעיף שולחן ערוך; וואס מען האט מער א שייכות צום רבי'ן מיט קיום, איז מען דעם סעיף מער מקיים; אז נישט - גיב איך א טרעט - -**

---

[סד] עיין חיי מוהר"ן, אות שמ"ג: אָמַר אִלּוּ לֹא הָיָה יוֹצֵא זֶה הַסֵּפֶר לָעוֹלָם הַיְנוּ הַסֵּפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן הָיָה נַעֲשֶׂה עִנְיָן אַחֵר כִּי כְּבָר הָיָה לוֹ חֵשֶׁק כַּמָּה פְּעָמִים לַעֲשׂוֹת הֲלָכוֹת פְּסוּקוֹת עַל הַשֻּׁלְחָן עָרוּךְ לְבָאֵר כָּל דִּין וָדִין בַּהֲלָכָה פְּסוּקָה אוֹ לְהַצִּיג הֲלָכָה כְּדִבְרֵי מִי מֵהַפּוֹסְקִים אֵצֶל כָּל דִּין וָדִין. אַךְ עַכְשָׁו שֶׁיָּצָא זֶה הַסֵּפֶר לָעוֹלָם לֹא יִהְיֶה עִנְיָן הַנַּ"ל. וּבֶאֱמֶת חִדּוּשִׁים שֶׁל גְּמָרָא פֵּרוּשׁ תּוֹסָפוֹת הֵם קַלִּים בְּיוֹתֵר. וְאֵין אֶחָד מֵהֶם יוֹדֵעַ הַדֶּרֶךְ כְּלָל שֶׁל אוֹתָן הַחִדּוּשִׁים, וּמִי שֶׁיּוֹדֵעַ הֵם קַלִּים מְאֹד. וְצָרִיךְ לָזֶה לִהְיוֹת בָּקִי בִּשְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת שֶׁהַתּוֹרָה נִדְרֶשֶׁת בָּהֶם.

[סה] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ד' תצוה תקצ"ה: **וְאֵין מִי שֶׁיַּכְנִיס לִמּוּד הַתּוֹרָה וְקִיּוּם הַתּוֹרָה בָּעוֹלָם כְּמוֹ אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עַל יְדֵי אֲמִתַּת דְּרָכָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁגִּלָּה עַל יָדֵינוּ וּבִסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים.** גם עיין ליקוטי הלכות הל' חזקת מטלטלין ה"ד, אות ב': **אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת לְקִיּוּם הַתּוֹרָה וּלְהַכִּיר אֶת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ כִּי אִם עַל יְדֵי אֱמוּנַת חֲכָמִים שֶׁהֵם הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים שֶׁכְּבָר שִׁבְּרוּ אֶת יִצְרָם לְגַמְרֵי.**

[סו] וזל"ש ברמ"א או"ח סי' א' סעי' א': 'שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד'. פָּסוּק זֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה וּבְמַעֲלַת הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר הוֹלְכִים לִפְנֵי הָאֱלֹהִים. כִּי אֵין יְשִׁיבַת הָאָדָם וּתְנוּעוֹתָיו וַעֲסָקָיו וְהוּא לְבַדּוֹ בְּבֵיתוֹ, כִּישִׁיבָתוֹ וּתְנוּעוֹתָיו וַעֲסָקָיו וְהוּא לִפְנֵי מֶלֶךְ גָּדוֹל. וְלֹא דִּבּוּרוֹ וְהַרְחָבַת פִּיו כִּרְצוֹנוֹ, וְהוּא עִם אַנְשֵׁי בֵּיתוֹ וּקְרוֹבָיו, כְּדִבּוּרוֹ בְּמוֹשַׁב הַמֶּלֶךְ. כָּל שֶׁכֵּן כְּשֶׁיָּשִׂים הָאָדָם אֶל לִבּוֹ, שֶׁהַמֶּלֶךְ הַגָּדוֹל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֲשֶׁר מְלֹא כָּל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, עוֹמֵד עָלָיו וְרוֹאֶה בְּמַעֲשָׂיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (ירמיה כג, כד) 'אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ נְאֻם ה' הֲלוֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא נְאֻם ה'". מִיָּד יַגִּיעַ אֵלָיו הַיִּרְאָה וְהַהַכְנָעָה, וּפַחַד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבָשְׁתּוֹ מִמֶּנּוּ תָּמִיד, וְלֹא יִתְבַּיֵּשׁ מִפְּנֵי בְּנֵי אָדָם הַמַּלְעִיגִים עָלָיו בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. גַּם בְּהַצְנֵעַ לֶכֶת וּבְשָׁכְבוֹ עַל מִשְׁכָּבוֹ, יֵדַע לִפְנֵי מִי הוּא שׁוֹכֵב, וּמִיָּד שֶׁיֵּעוֹר מִשְּׁנָתוֹ יָקוּם בִּזְרִיזוּת לַעֲבוֹדַת בּוֹרְאוֹ יִתְבָּרַךְ וְיִתְעַלֶּה.

**רבי הערשעלע זידיטשובער - א תלמיד ביים חוזה, כל ימיו האט ער נישט פארפעלט קיין איין נאכט חצות!**

**האט מען אריינגעבראכט א שקר פון א מכתב - א פאלשער מכתב - אויסצורייסן די נקודה פון חצות...**[סז]

**רבי נתן ברענגט דאך אין די ערשטע הלכה**[סח]**: "די גאולה הראשונה איז געווען ביי חצות לילה, און די גאולה האחרונה וועט זיין דורך די 'כְּשֵׁרים ויראים הקמים בחצות'!".**

**ווען די וועלט זאל דאס איינהאלטן, וואלט מען שוין לאנג געווארן אויסגעלייזט פון גלות!**

**האט ער זיך אַן עצה געגעבן, זיך געבראכט א פאלשן מכתב, און די וועלט האט אנגענומען דעם מכתב...**

(הנ"ל: פארוואס שטייען אויף די ברסלב'ער חצות? ווייל עס שטייט אין שולחן ערוך, צו ווייל דער רבי האט געהייסן?) **נאכאמאל דאס אייגענע; ווען מיר האבן נישט דעם רבי'ן, ווער ווייסט צו מיר וואלטן געדאווענט אינגאנצן?!... עס איז דאך א וועלט - א פאלשע וועלט, ווער ווייסט וואו מיר וואלטן איצטער געהאלטן?! ווער ווייסט צו די גאנצע תורה וואלט מען איצטער געהאלטן...**

❖

# אליין אין א דערפל אָן קיין תקיעות

(הנ"ל: די גמרא אין ראש השנה רעדט[סט], אז איינער קען גיין צו איין שטאט וואס דארטן קען מען הערן די ברכות, און אין א צווייטע שטאט דארטן קען מען הערן די תקיעות, דארף ער גיין צו די תקיעות, ווייל

---

[סז] עיין סיפור הדברים בטעם זקנים קונטרס כ"ג.

[סח] עיין הל' השכמת הבוקר ה"א, אות ט"ו: וּבָזֶה תָּלוּי הַגְּאֻלָּה בִּכְלָל וּבִפְרָט כַּנַּ"ל; וְעַל כֵּן הָיְתָה גְּאֻלָּה הָרִאשׁוֹנָה בַּחֲצוֹת דַּיְקָא. **וְכֵן גְּאֻלָּה הָאַחֲרוֹנָה שֶׁאָנוּ מְקַוִּים בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ תִּהְיֶה עַל יְדֵי בְּחִינַת חֲצוֹת, עַל יְדֵי הַכְּשֵׁרִים וְהַיְּרֵאִים עוֹמְדִים בְּכָל לַיְלָה בַּחֲצוֹת.**

[סט] עיין שם דף לד:

דאס איז א דאורייתא. לאמיר זאגן, עס איז ערב ראש השנה, און איינער קען פארן קיין אומאן, אבער דארטן וועט ער נישט הערן קיין תקיעות, און ער קען פארן אין אַן אנדערע שטאט, סאווראן, און דארטן וועט ער הערן די תקיעות ביי דעם סאווראנער, וואו זאל ער פארן?)

א איד איז געווען וואס ער האט געהאט מסירות נפש צו פארן צום רבי'ן אויף ראש השנה פון פוילן, א איד א צדיק[ע]. אז ער איז געקומען אין עפעס א דארף לעבן אומאן, "חראסטיניווקע", א צוואנציג קילאמעטער, האט ער נישט געוואלט אריינפארן נאך דער צאת הכוכבים. ער האט געהאלטן דארטן ראש השנה אין דעם דארף.

ער האט "נישט" געהערט קיין תקיעות, און ער האט "נישט" מחלל יו"ט געווען - די הלכה איז אזוי. מוצאי יו"ט איז ער געקומען קיין אומאן.

ביי אונז איז אזוי חביב ראש השנה; דאס איז א געוואלדיגע זאך, א איד, געפארן פון פוילן במסירות נפש, און ער איז שוין געווען - - אבער אז ס'איז געווארן יו"ט - ער איז דאך בלויז אכצן קילאמעטער לעבן אומאן, וואלט ער דאך געקענט זיך געבן עפעס אַן עצה, אדער געבן עפעס א דריי מיטן גראבן פינגער און זיין אין אומאן ראש השנה, ער האט אבער אליץ מפקיר געווען!

פארוואס? ווייל מען טאר נישט!

כ'האב דיר נאר דערציילט א מעשה פון פארן צום רבי'ן אויף ראש השנה!

ער איז שטיין געבליבן בלויז א אכצן קילאמעטער. "חראסטיניווקע" איז בלויז איין סטאנציע פון אומאן, א אכצן-צוואנציג קילאמעטער, עס געדויערט מיט דער באן א שעה צו א דריי-פערטל שעה; איז ער געבליבן דארטן ראש השנה, ער האט קיין תקיעות נישט געהערט, ער האט קיין תפילה בציבור נישט געהאט, און ער איז נישט געפארן אום יו"ט!

זעהסטו ארויס ווי אזוי ביי אונז איז דער שולחן ערוך חשוב!

דער רבי איז גרויס, און דער ראש השנה איז גרויס, אבער - -

---

[ע] כוונתו לר' שלמה גבריאל הכהן. היה זה בשנה הראשונה לאחר פטירת ר' אברהם ב"ר נחמן.

דא גייט נישט קיין וועגן - טוהן שלעכט צוליב א מצוה, דאס טאר איך נישט.

אט דאס איז אונזער חשיבות; אזוי ווייט איז דער שולחן ערוך ביי אונז גרויס, אז אפילו קענן דעם רבי'נס ראש השנה - א געוואלד! - נישטא. און ער האט נישט קיין תקיעות אויך. נישטא.

❖

## צוועלף פאמיליעס זיך אויפגעהויבן אויף יו"ט צוליב אַן אתרוג...

אין מיינע צייטן איז געווען אמאל, אין אומאן און ארום איז עפעס נישט געווען קיין אתרוג. איז דא א שטעטל, הייסט עס "טערנאווקע", דאס איז צווישן טעפליק און אומאן, דארטן איז געווען אַן אתרוג, איינער א גביר האט באקומען אַן אתרוג.

אומאן איז דאך געווען א שטאט פון פערציג טויזנט פאמיליעס(!) און עס איז געווען דארטן חסידישע אידן אויך אסאך, מיט אסאך שולן.

זענען מיר ארויסגעפארן פון אומאן, א צוועלף פאמיליעס אונזערע, און מיר האבן דארטן געהאלטן יו"ט אין טערנאווקע - צוליב דעם אתרוג! און אנדערע חסידים - נישט.

עס איז געווען אזא מין שמחה אין דעם שטעטל, דאס גאנצע שטעטל איז געווען מלא שמחה פון די ברסלב'ער חסידים! עס האט גע'שמ'ט דארטן...

(השואל: עס איז געווען דארטן ברסלב'ער חסידים אין טערנאווקע?) ניין, אין דעם גאנצן שטעטל איז נישט געווען קיין ברסלב'ער, דער רב דארט איז געווען גאר א מתנגד אויף אונז, אבער ער האט געמוזט מודה זיין - "איך זעה", זאגט ער, "פון די גרויסע חסידים זיינע איז קיינער נישט געקומען, און די ברסלב'ער חסידים - זיי זענען געקומען!".

(אחד הנוכחים: ר' שלום מלמד [- דער אומאנער רב] האט געזאגט: "איך זעה אז דאס איז דער אמת!")

יא יא, ער האט דאך עס געזעהן, ער איז געווען פון די גרויסע - (היה שייך לחסידות מגדולי המתנגדים).

עס פלעגן אים פרעגן אונזערע מענטשן. זאגט ער, 'מען האט נאך אין זיין לעבן אזעלכע שאלות אים נישט געפרעגט!'. ווער האט דאס געפרעגט? ברסלב'ער חסידים - זיי פרעגן - ער האט געזעהן!

❖

## ווער האט נישט געשיקט אין זייערע שולעס?

אט דאס האט מען דאך געזעהן דער לעצטער צייט, ווער האט געהאט מסירות נפש נישט צו געבן די קינדער אין דעם שמד, אין די שולעס? ווער האט געהאט מסירות נפש אין אומאן?

מיינע קינדער האבן נישט איבערגעטראטן דעם שוועל פון די שולעס, נישט מיין זון, נישט מיין טאכטער. דאס איז געווען אַן איינשטעלעניש, ווייל צוויי מאל אין יאר איז מען געקומען זוכן, מען האט געקענט דערפאר צונעמען די קינדער און פארשיקן דעם טאטן מיט דער מאמען אויף אייביג...

אנדערע רבנים האבן אונז געזאגט: "איי, מאך דיר נישט משוגע, דו וועסט נישט אויספירן, דו וועסט מוזן, זיי וועלן דיר צונעמען די קינדער!".

דער אויבערשטער האט געהאלפן - זיבן-אכט יאר!

פון די זיבן ביז די זעכצן יאר פירן זיי מלחמה מען זאל געבן די קינדער. און ברוך ה', מיר האבן די קינדער נישט געגעבן. פארוואס? ווייל מיר זענען געגאנגען צום רבי'ן אויפן ציון, מען האט געשריגן אסאך, האט דער אויבערשטער אונז געהאלפן.

(השואל: עס איז א הלכה טאקע?) קיין הלכה קען מען נישט וויסן; ווען מען פרעגט די הלכה, קען מען נישט ענטפערן אויף דעם, מען קען נישט וויסן וואס מען זאל ענטפערן[עא]; ווייל אז דו וועסט זיין אין שטוב און דאס קינד וועט גיין אין די שולעס,

[עא] עיין שיחות הר"ן אות רי"ד: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר: כְּשֶׁאָדָם שׁוֹאֵל לְהַצַּדִּיק אִם לַעֲשׂוֹת דָּבָר שֶׁיֵּשׁ בּוֹ מְסִירַת נֶפֶשׁ בִּשְׁבִיל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הוּא רָאוּי לוֹ לְהָשִׁיב וּלְצַוּוֹת עָלָיו שֶׁלֹּא לַעֲשׂוֹת. וְאַף עַל פִּי כֵן הַשּׁוֹאֵל אֵין צָרִיךְ לְקַיֵּם דְּבָרָיו. כֵּן שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ. גם עיין עוד מזה בחיי מוהר"ן אות ת"ו; ימי מוהרנ"ת אות ל"ה.

וועט דאך דאס קינד אהיימגיין צו דיר און דו וועסט קענען רעדן מיט אים 'דיבורי אמונה'. אבער אז מען וועט דיך פארשיקן, און די מאמען וועט מען פארשיקן, וועלן דאך זיי צונעמען די קינדער, איז דאך עס זייערע קינדער, וועלן זיי אינגאנצן ווערן גויים.

- אזוי האבן אונז רבנים געזאגט: "איז וואס דארפט איר זיך מאכן משוגע? איר וועט דאך במילא נישט אויספירן!".

האבן מיר געענטפערט: "מיר האבן דעם כח פון דעם רבי'נס ציון - אט דאס וועט אונז ראטעווען!". מיר האבן די קינדער נישט אהין געגעבן! מיר האבן אריינגעלייגט אין דעם ציון 'קולי קולות' - אט דאס האט אונז טאקע געראטעוועט.

דער אמת איז, דער כח וואס עס איז דא דורך אמונת צדיקים - דאס איז אַן אנדער כח! דער אויבערשטער העלפט, דער אויבערשטער איז מסבב סיבות, דער אויבערשטער גיט טאקע כוחות וואס איז גארנישט קיין מענטשליכע כוחות, עס איז גארנישט קיין כח אנושי, דאס גייט נישט אזוי סתם.

ווער האט זיך טאקע געהאלטן ביי די רוסן? ביי די קאמוניסטן? ברסלב'ער חסידים האבן זיך געהאלטן! [חב"ד אביסל; אין חב"ד האבן אסאך יא געגעבן די קינדער לערנען ביי זיי].

די אלע זיבן-און-צוואנציג מענטשן - צדיקים - וואס מען האט זיי נעבעך פארשיקט, פארוואס? ווייל זיי האבן נישט געארבעט אום שבת, די קינדער האבן זיי נישט געגעבן אין די שולעס... (וכדו')[עב].

נו, אז מען האט אמונה אין דעם כח פון דעם צדיק, און דער אמת פון דער זאך, אט דאס שיינט, דאס ראטעוועט אויבן, אויבן איז אַן אמת'ע וועלט, אויבן הייסט "עלמא דקשוט", מען ווייסט דארטן ביי יעדן איינעם וויפיל נקודות פון אמת איז דא אין אים, און וואס ער וויל. איז כאטש די כוחות זיינע איז זייער - (שוואך), העלפט מען פון אויבן.

[עב] עיין ספר "שלהבת בכפור" בהפרוטוקול שנתגלתה לאחרונה.

די קינדער מיינע האבן זיך באהאלטן דארט אויפן בוידעם, זענען געקומען די שכנים און גע'מַסר'ט - 'אט דארטן האט ער זיך באהאלטן - דארט איז ער!' און מען האט זיי געזוכט. זאג איך, 'איך ווייס נישט וואו זיי זענען - זיי אנטלויפן, זיי ווילן מיך נישט פאלגן, איך הייס זיי גיין - און זיי ווילן נישט גיין, איך שלאג זיי - זיי ווילן מיך נישט פאלגן!'... - מען מוז זיך דאך ראטעווען.

די שכנים פלעגן מסר'ן - 'דארטן איז ער אנטלאפן, דארטן באהאלט ער זיך, זוכט אים דארטן!' - אזוי זיבן-אכט יאר! נו, דאס איז א מענטשליכער כח?! נאר דער כח פון דעם צדיק! דער כח פון דעם רבי'ן!

דער רבי האט אזוי געזאגט[עג]: "דופעט אויף מיין כח!" דער רבי איז א בעל כח גדול![עד] א בעל כח גדול! א בעל כח גדול! מען קען זיך אונטערנעמען צו מלחמה האלטן, און האלטן זיך מיטן אמת, מיט אלע זאכן, אז מען האט פאר זיך אזא בעל כח גדול - דער רבי - ער איז א בעל כח גדול!

'אזוי' (- לולא כח רבינו) איז טאקע שווער; די רבנים האבן געזאגט - רבנים - ערליכע אידן - 'מען וועט מאכן ערגער אז מען וועט נישט געבן די קינדער!' זיי האבן נישט געהאט אונזער כח - דעם כח פון דעם רבי'ן האבן זיי נישט געהאט, און דער כח אנושי איז געווען טאקע זייער א שוואכער כח. אבער ברוך ה', מיר האבן געהאט דעם כח, מיר האבן געזעהן טאקע געוואלדיגע כוחות, א כח גדול וואס איז גאר קיין כח אנושי.

---

[עג] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ב' שלח תר"ג: וְלוּלֵי ה' עֶזְרָתָה לָנוּ שֶׁהִקְדִּים לְהָאִיר בָּנוּ כָּל הַטּוּב אֲשֶׁר הֵיטִיב עִמָּנוּ לֵידַע מֵאוֹר תּוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה, וּמֵרְמָזָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁכֻּלָּם הֵם בְּחִינַת אֲמָרוֹת טְהוֹרוֹת. שִׁבְעָה מְשִׁיבֵי טַעַם. וְעַל כֻּלָּם כֹּחוֹ הַגָּדוֹל שֶׁאֵינוֹ נִפְסָק לְעוֹלָם שֶׁאָמַר בְּפֵרוּשׁ לְהִשָּׁעֵן עַל כֹּחוֹ, **דוּפִּיט אוֹיף מַיין כֹּחַ**. לוּלֵא כָּל זֹאת כְּבָר אָבַדְנוּ בְּעָנְיֵנוּ וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב לוּלֵי תוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי וְכוּ'. גם עיין שם מכתב מאור ליום ו' בלק ת"ר: וְתִסְתַּכֵּל וּתְעַיֵּן שָׁם מֵחָדָשׁ מַמָּשׁ אֵיךְ דִּקְדַּקְתִּי בִּכְתָבוֹ בְּבֵאוּר הֵיטֵב. כְּמוֹ שֶׁיָּצָא בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁגַּם בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּית יְכוֹלִין לְהִתְקָרֵב אֵלָיו. כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ. וְאֵיךְ צָעַק בְּקוֹלוֹ הַקָּדוֹשׁ וְאָמַר: **גָּאט אִיז מִיט דִּיר בַּיי דִּיר לֶעבִּין דִּיר שְׁרֶעק דִּיךְ נִיט. דוּפִּי אָף מַיין כֹּחַ. קֵיין יֵאוּשׁ אִיז גָאר נִיט פָּאר הַאנְדִין**, וכו' עיין שם.

[עד] עיין עלים לתרופה במכתב מיום א' נח תקצ"ד: **בִּפְרָט שֶׁאָנוּ סְמוּכִין וְנִשְׁעָנִים עַל כֹּחַ וּזְכוּת בַּעַל כֹּחַ כָּזֶה, אֲשֶׁר הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּעַצְמוֹ הִזְהִירָנוּ לִבְטֹחַ עַל כֹּחוֹ הַגָּדוֹל מְאֹד הָעוֹלֶה עַל הַכֹּל.**

אזוי איז קעגן דעם יצר הרע אויך; דער יצר הרע איז געוואלדיג גרויס, אז מען האלט זיך אבער אָן באמת אין דעם רבי'ן, האט מען כוחות, באקומט מען כוחות!

דער אויבערשטער זאל העלפן, עס זאל טאקע זיין באמת. דער יצר הרע איז אזוי גרויס אז עס איז א געוואלד, ער קען נעמען די גרעסטע מענטשן - קען ער זיי צוברעכן אויף שטיקער... ער האט א כח. אז מען האלט זיך אבער אין דעם רבי'ן, מיט די עצות, און דער עיקר עצה איז תפילה, העלפט מען פון אויבן, ווערט א נייער כח, באקומט מען א נייעם כח.

עס שטייט[עה]: "וְקֹוֵי ה' יַחֲלִיפוּ כֹחַ". וואס איז דער לשון "יחליפו כח"? וואס איז דער לשון 'פארבייטן'? נאר מען נעמט צו זיין שוואכן כח - און מען גיט אים א שטארקן כח; דו האסט דאך שוואכע כוחות - גיט מען אים א נייעם כח, מען מאכט א חילוף, 'דו גיב מיר דיין כח - און איך וועל דיר געבן א נייעם כח!'.

מיר דארפן זיך גוט איינ'חזר'ן, מיר זאלן וויסן, דער כח פון דעם רבי'ן איז זייער גרויס! דער רבי האט דאך געשריגן[עו]: "געוואלד, זייט אייך נישט מייאש!" דאס איז נישט גלאט-שרייען - 'זייט אייך נישט מייאש' - יענער פאלט דאך, ער חלש'ט, וואס איז דער 'זייט אייך נישט מייאש'? נאר דאס איז אזא כח פון זאגן טאקע - 'זיי דיך נישט מייאש!' - האלט זיך! אזא כח איז דאס!

❖

## דריי ג-א-נ-צ-ע יאר עומד געווען בנסיון!

א מעשה איז דא, מען קען גארנישט אויסמאלן דער זאך, מען האט שוין געהערט אמאל דא פון אים. איינער איז געווען דארטן א בחור "נטע" (גורעליק הי"ד). אט דער נטע איז געווען פריער א ליובאוויטשער בחור, און נאכדעם איז ער געווארן אונזערס א בחור. ער איז געווען אזא מין ירא שמים, א געוואלד.

---

[עה] ישעי' מ, לא.

[עו] שיחות הר"ן קנ"ג.

די רוסן האבן אים גענומען - מען האט אים פארשיקט אויף דריי יאר. ער איז געווען זייער א גוטער בחור, ער האט געהאט ביי זיי חן, האבן זיי אים געגעבן אזא מין סארט ארבעט וואס איז געווען א גליקליכע ארבעט - שטיין אין א באראק ווינטער און איר אנהייצן. אזוי (סתם) האט מען געדארפט שטיין אויף די שניי אין די פרעסט; דאס איז אבער געווען די גרינגסטע ארבעט.

אבער 'לא עלינו', מען האט דאס פאר אים געגעבן, און פאר א נקבה אויך, בײדע האבן געהייצט. זי איז געווען א גלח'ס א טאכטער.

פארשטייט זיך, אז זיי האבן געהייצט אליין - וואספארא נסיון ער האט געהאט - דריי יאר-צייט!

נאכדעם האט ער מיר דערציילט - ער איז געווען מיינער אַן אורח אין אומאן, ער פלעגט ארויסגיין אין וואלד [- דארט איז דאך א וואלד], און ער האט אזוי געשריגן קולות ביינאכט: "רבונו של עולם, טאמער וועסטו מיר נישט געבן קיין כוחות אז איך זאל קענען אויסהאלטן - נעם מיך צו! נעם מיך צו!" - ער האט געשריגן אזוי אז דאס הארץ זאל אויסגיין!

אזוי האט ער אויסגעהאלטן א נסיון פון דריי יאר!

יוסף הצדיק האט געהאט א נסיון פון א יאר[עז]; ער האט געהאט א נסיון פון דריי יאר!

ווען ער האט דאס מיט מיר גערעדט, האט זיך געגאסן ביי מיר טרערן - 'דאס איז דאך א געוואלדיגער צדיק!'.

ער איז נישט געווען קיין ליגענער.

ווען מען האט אים באפרייט, האט די דאזיגע - 'זי' - אויסגעשריגן פארן גאנצן עולם: "אויב עס איז דא א ריינער בחור אין דער וועלט - איז דאס אט דער ריינער בחור!".

---

[עז] עיין מדרש תנחומא וישב פ' ח'.

פון וואו האט ער גענומען די כוחות דערצו? ער האט מיר אליין געזאגט: "אויב איך וואלט געווען אין ליובאוויטש, וואלט איך די כוחות נישט געהאט; נאר אז איך בין געווען ביים רבי'ן, האב איך געוואוסט - עס איז דא א וואלד!".

ער האט געשריגן אזוי אז דאס הארץ זאל אים זיך אפרייסן!

ביי אים איז געווען ניחא אז ער זאל אויסגיין בעסער - אויב נישט עומד בנסיון זיין! - מיט אזא מין מסירות נפש.

און דאס איז געווען דריי יאר - טאג און נאכט!

אלע האבן אים מקנא געווען אז ער האט די בעסטע שטעלע - ער זיצט און ווארעמט, עס איז אים ווארעם, ער דארף נישט גיין דארטן האקן די גרויסע דעמבעס (- הויכע סארטביימער).

דארט איז א וואלד פון פינעף טויזנט קילאמעטער - א רוסישער וואלד! דו ווייסט וואס הייסט פינעף טויזנט קילאמעטער?! און דארטן גייט מען און מען האקט די דעמבעס, מען האקט אזוי, מענטשן ווערן געה'רג'עט. און ער שטייט אינעווייניג און ער ווארעמט, אבער אים איז אזוי ביטער, 'חייו אינם חיים'!

אט דאס איז דער כח פון דעם רבי'ן, דאס איז דער כח פון דעם רבי'ן!

(ר' נחמן: פינעף טויזנט קילאמעטער?) יא; דארטן איז דא א וואלד פון פינעף טויזנט קילאמעטער וואלד! דארטן זענען פארשיקט מיליאנען מענטשן און האקן דעם וואלד. דארטן איז דא אזעלכע דעמבעס, אזעלכע ביימער, אויב איין אזא בוים פאלט איין - ווערן גע'הרג'עט - איך וויס? - א טויזנט מענטשן! וואס אַרט עס אים?! ביי דעם רום זעהט זיך אָן טויזנט מענטשן? גארנישט! א בוים איז ביי אים חשוב'ער ווי א מענטש...

דאס איז געוואלדיגע הויכע בוימער. דריי מענטשן דארפן צוגרייטן אין א טאג-צוויי הונדערט פונט האלץ. א פונט איז זעכצן קילא. דריי מענטשן דארפן דאס צוגרייטן א

טאג, זענען די דעמבעס, צעהאקן, און דאס דארף מען צושטעלן צו אויטאס; ביז די דריי מענטשן מאכן דאס, ווערן זיי דאך גע'הרג'עט; וואס זעהט זיך דאס אָן ביי זיי?!

פופצן מיליאן מענטשן זענען געווען פארשיקט דארטן! ביי די רוסן זעהט זיך עפעס אָן פופצן מיליאן מענטשן?! פופצן מיליאן ביימער איז אים חשוב'ער ווי פופצן מיליאן מענטשן...

אים האט מען געגעבן אזא מין שטעלע וואס אלע האבן אים מקנא געווען - ער דארף נישט האקן קיין האלץ. אבער אים איז געווען ביטער - "לָמָּה לִי חַיִּים כָּאֵלֶּה?! חַיִּים מָרִים וּמְרוֹרִים מִמָּוֶת!"[עח].

פון וואו האט ער דעם כח צו פילן אזא מין זאך? נאר דורך דעם כח פון רבי'ן!

בשעת ער האט מיר דערציילט דער זאך, האט מיר געגאסן טרערן: "רבונו של עולם, געוואלד! ער איז דאך ממש א איד א צדיק! עס דארפן זיך אלע שעמען פאר אים!".

(ר' נחמן: וואס איז געווען די סיבה וואס מען האט אים פארשיקט?) וואס מיינסטו? פאר די רוסישע עבירות... וואס איז די רוסישע עבירות? לערנען, דאווענען, געבן צדקה - דאס איז די רוסישע עבירות, דערפאר האט מען אים פארשיקט.

(ר' נחמן: צוליב אידישקייט הייסט עס?) אוודאי צוליב אידישקייט!

(אחד הנוכחים: שפעטער איז ער עפעס געגאנגען ראטעווען איינעם[עט]!) יא יא, האט מען אים נאכאמאל פארשיקט... (ומאז לא נודע מה עלה בגורלו, הי"ד).

מיר האבן נאר וואס צו רעדן, א בחור, מיט דעם כח פון דעם רבי'ן, מיט מסירות נפש ממש - אָן קיין שום גוזמא - האט געהאט א נסיון פון דריי יאר - און האט עומד בנסיון געווען! אלע האבן געמיינט אז אים איז גליקליך - און אים איז געווען אזוי ביטער.

---

[עח] מתוך נוסח התפילה ממוהרנ"ת שלאחר תיקון הכללי.

[עט] רבו הריי"צ מחב"ד.

ווי קען דאס זיין א מענטש זאל פילן אזא מין מרירות? מען קען דען אויסמאלן וואס דארטן איז? דארטן איז דאך - דער מענטש פארלירט זיך אינגאנצן; ער האט זיך דען געראכטן אז ער וועט אמאל אהיימגיין לעבעדיג פון דארטן? ווער קען דען אויסהאלטן דארטן די דעמבעס, מיט דעם ווינטער, ווער קען דאס אויסהאלטן? די דעמבעס ליגן אזוי טיף, אין וואסער, דעם מענטש ווערט פארפוילט די פיס און געשוואלן, קיינער האלט עס נישט אויס! די אלע וואס זענען דארטן דא - ווער קומט פון דארטן צוריק? קיינער האלט עס נישט אויס.

לכתחילה שיקט מען זיי אז מען זאל דארטן בלייבן... ביז זיי בלייבן שיקט מען שוין אנדערע אהינצו - דאס איז רוסלאנד...

און ער האט אזא מין שטעלע וואס ער איז אין א שטוב, ער ווארעמט, ס'איז אים גוט, ער דארף נישט גיין אינדרויסן האקן האלץ - און דעם מענטשן איז אזוי ביטער - "למה לי חיים כאלה, חיים מרים ומרורים ממות" - אט דאס איז דער כח פון דעם רבי'ן! אט דאס איז דער כח פון דעם אמת'ן צדיק! אזא כח האט ער! ממילא איז שוין אנדערע זאכן אויך (אנדערש).

(ר' נחמן: אויף אזעלכע בחורים זאגט די גמרא[פ]: "עתידים בחורי ישראל שיתנו ריח טוב"!) **יא יא, אוודאי אוודאי, עס איז דאך א רעש למעלה! א רעש למעלה - געוואלד!**

ער האט מיר דערציילט ווי אזוי ער האט געשריגן - ער האט געשריגן אז ער זאל אויסגיין - אזוי האט ער געשריגן! נאר בשעת ער האט אזוי געשריגן מיטן הארץ, איז דאס אליין אויך געווען א כח וואס מען האט אים געגעבן אז ער זאל נישט אויסגיין!

'ווייל' זיין נסיון איז געווען אזוי חשוב למעלה, האט מען אים געגעבן כח אז ער זאל נישט אויסגיין; פון אזעלכע געשרייען דארף מען יא אויסגיין, מען דארף פאלן אויף דער ערד און אויסגיין... אים איז אבער געווען בעסער ניחא אז ער זאל אויסגיין ווי איידער ער זאל נאכאמאל גיין הייצן דארטן טאמער חלילה וועט ער נישט עומד בנסיון זיין.

---

[פ] ברכות מג:

קעגן וואס דערציילן מיר דאס? דער כח פון דעם רבי'ן איז זייער גרויס! ער איז א געוואלדיגער בעל כח; דארפן מיר זיך האלטן אינעם רבי'ן און האלטן זיך אין די הייליגע ספרים און דאנקען דעם אויבערשטן וואס מיר זענען נישט קיין מתנגדים אויף דעם רבי'ן.

❖

## איינגעגעבן די קינדער אלס געשטארבן...

דו געדענקסט ר' נחמן שטערנהארץ[פא]? ער איז געשטארבן דא (- בארץ ישראל), נחמן פון קריבוויראג, דער אלטער נחמן, ר' יצחק'ס א זון, ער איז געשטארבן פאר עטליכע יאר. ער האט פארשריבן זיינע קינדער אז זענען געשטארבן - האט מען זיי אויפגעהערט זוכן... כדי מען זאל נישט גיין זוכן נאך זיי און זיי פארשרייבן צו גיין אין די שולעס, האט ער איינגעשריבן אז דאס קינד איז געשטארבן. אז מען האט גע'מסר'ט, איז מען דאך געווען אין א סכנה.

**ביי זיי איז יעדער געווען א גארנישט, די שנאת הדת איז געווען געוואלדיג גרויס.**

❖

טאקע זיין מאמע - ר' ישעי'ס (פוקסברומער), זי איז געווען דעמאלט א קינד פון צוויי יאר, און די טאטע מאמע זענען געשטארבן, האבן זיי צוגענומען די קינדער צו זיך, זיי וואלטן ווען אינגאנצן נישט געוואוסט צו זיי זענען אידן. איך בין געווען דעמאלט אין אַן אנדער ארט. (בין איך אהינגעקומען) איך האב זיי ארויסגענומען פון דארטן[פב].

---

[פא] בן ר' יצחק מבאבריניץ בן ר' נתן מדימיטריוקע בן ר' נחמן במוהרנ"ת. עלה לארץ ישראל בשנת תשכ"ז, ונפטר בשנה שלאחריו בחודש אלול שנת תשכ"ח. עיין עוד אודותיו בשיש"ק (חדש) ח"ב, אותיות תשס"ט-תשע"א.

[פב] עיין שיש"ק במקום אחר: רַבִּי נַחְמָן שְׁוַוארְץ (בן ר' אהרן קיבליטשער, גיסו של רלוי"צ) גָּוַע מֵרָעָב הוּא וְאִשְׁתּוֹ בְּיוֹם אֶחָד, הוּא יוֹם שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח בְּעִירָם בֶּערְשַׁאד. תְּחִלָּה גָּוַע רַבִּי נַחְמָן מֵרָעָב וְנִפְטַר, וּכְשֶׁהָלְכוּ לִקְרֹא לְזוּגָתוֹ שֶׁתָּבוֹא לְהַלְוָיַת בַּעֲלָהּ, מְצָאוּהָ שֶׁגָּוְעָה אַף הִיא וּמֵתָה. וְתֵכֶף לָקְחוּ הַשִּׁלְטוֹנוֹת הַקּוֹמוֹנִיסְטִים אֶת שְׁנֵי יַלְדֵיהֶם שְׁמוּאֵל (שֶׁהָיָה אָז בְּגִיל שְׁמוֹנֶה) וְהַיַּלְדָּה שָׂרָה עֶטִיל (שֶׁהָיְתָה אָז בַּת שְׁנָתַיִם)

א געוואלד, א געוואלד. דאס איז נישט אויסצומאלן דאס דאזיגע, מיר קענען דאס נישט אויסמאלן.

(אחד הנוכחים: איר האט זיי מגדל געווען?) די אלע מעשיות דארף מען נישט דערציילן, מיר דערציילן אייןווארט: "דער כח פון דעם רבי'ן איז זייער גרויס!".

איצטער אז מען וויל זיך דערהאלטן, און מען איז זיך מתחבר מיט דעם רבי'ן, מיט זיינע ספרים, מיט זיינע עצות, מיט חברים, איז דאס א כח אז מען זאל זיך קענען ראטעווען![פג].

דער יצר הרע ברענט איצטער זייער, ער האט ארויסגענומען אלע צען מיני פיילן, פארשמירט מיט אלע צען מיני סמים, ער קאכט און ער ברענט, ער ברענט, ער ווייסט אז עס איז פאר זיין סוף, דערפאר ניצט ער אויס אלעם וואס ער קען, דעריבער מוז מען דאך האבן עפעס א געוואלדיגן כח - אט דער כח איז א געוואלדיגער כח! נאר וואס דען, מען זאל זיך אנהאלטן אין אים! זיך אנהאלטן!

נאך א זאך, מיר דארפן נישט האבן קיין ויכוחים מיט קיין אנדערן, מיר דארפן זיך דערווייטערן פון ויכוחים. עס איז דא וואס האבן ליב מאכן ויכוחים מיט יענעם;

---

לְמוֹסְדוֹתֵיהֶם. וְהִסְתַּכֵּן רַבִּי לֵוִי יִצְחָק בְּנַפְשׁוֹ, וְנָסַע לָעִיר בֶּערְשַׁאד לְהִשְׁתַּדֵּל לְהוֹצִיאָם מִצִּפָּרְנֵיהֶם. וְאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ וְעוֹד רַבִּים הִזְהִירוּהוּ שֶׁלֹּא יִסְתַּכֵּן בָּזֶה, בִּפְרָט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ שֶׁבָּעִיר בֶּערְשַׁאד (הָיָה שָׁם מִנְיָן מְכֻבָּד מֵהֶם). כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁיַּרְגִּישׁוּ הַשִּׁלְטוֹנוֹת שֶׁמַּטָּרָתוֹ כְּדֵי לְהַצִּילָם מִשְּׁמָד וּלְגַדְּלָם בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה יְגָרְשׁוּהוּ לְסִיבִּיר. וְהוּא בָּא לְמִשְׂרְדֵיהֶם וְטָעַן עִמָּהֶם שֶׁיֵּשׁ לָהֶם שְׁנֵי דּוֹדוֹת בְּאוּמַאן (הִיא זוּגָתוֹ שֶׁל רַבִּי לֵוִי יִצְחָק וְכֵן זוּגָתוֹ שֶׁל רַבִּי הִירְשׁ לֵייבּ לִיפֶּל), וְרוֹצִים הֵם לְגַדְּלָם. וְתֵכֶף כְּשֶׁחָזַר מִמִּשְׂרְדֵיהֶם הִזְהִירוּהוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ שֶׁלֹּא יִישַׁן בְּבֵיתוֹ, כִּי בְּוַדַּאי תֵּכֶף יָבוֹאוּ לְעָצְרוֹ עַל עֶצֶם הַבַּקָּשָׁה, וְהָיָה זֶה נֵס גָּמוּר שֶׁנָּתְנוּ לוֹ אַחַר כַּמָּה יָמִים כָּל הָאִשּׁוּרִים לְכָךְ, וְהֶחֱזִירוּ אֶת הַיְלָדִים אַחַר חֲצִי שָׁנָה שֶׁכְּבָר הָיוּ אֶצְלָם, וְכָךְ נִצְּלוּ מִשְּׁמָד. וְרַבִּי לֵוִי יִצְחָק גִּדֵּל אֶת שָׂרָה עֶטִיל עַד עֵת נִשּׂוּאֶיהָ עִם רַבִּי יִשְׂרָאֵל דָּוִד פוּקְסְבְּרוּמֶער (קרעדיט: ר' שלמה יהודה ווייצהענדלער). עיין עוד טעם זקנים קונטרס קל"ו.

[פג] עיין חיי מוהר"ן אות שכ"ב: וְלֹא בִּלְבַד אֲנָשֵׁי שֶׁיִּהְיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי, **אֶלָּא אֲפִלּוּ מִי שֶׁיִּתְקָרֵב לְאַנְשֵׁי שְׁלוֹמִי, וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁרַק יִגַּע בָּהֶם, בְּוַדַּאי יִהְיֶה אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת. וְלֹא אִישׁ כָּשֵׁר בִּלְבַד, כִּי אִם אֲפִלּוּ צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה.** גם עיין חיי מוהר"ן אות רכ"ה: אֲפִלּוּ אֵלּוּ שֶׁלֹּא זָכוּ לְהַכִּיר אֶת רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּחַיָּיו, **כְּשֶׁיָּבוֹאוּ עַל קִבְרוֹ הַקָּדוֹשׁ וְיִסְמְכוּ עָלָיו**, וְיִלְמְדוּ סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים וְיַרְגִּילוּ עַצְמָם לֵילֵךְ **בִּדְרָכָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים, בְּוַדַּאי יֵשׁ לָהֶם עַל מַה שֶׁיִּסְמֹכוּ. אַשְׁרֵיהֶם אַשְׁרֵי חֶלְקָם**, וְלֹא יֶאְשְׁמוּ כָּל הַחוֹסִים בּוֹ.

פארוואס דארפן מיר האבן די ויכוחים?! מיר דארפן נאר רעדן פון 'זיך' מחזק זיין. אז איך ווייס אז דעם רבי'נס זאך איז אמת, דארף מען זעהן מחזק צו זיין דער זאך; און יענעם - וואס האב איך צו רעדן פון יענעם?! איך האב נישט וואס צו רעדן פון יענעם! וואס קומט ארויס אז איך רעד פון יענעם? וואס וועט ארויסקומען דערפון? אז יענער קומט צו און לאזט מיך נישט, דארף איך זיך ראטעווען, איך זאל ניצול ווערן, אבער ווייטער וואס האב איך צו רעדן פון יענעם? איך וויל גארנישט דן זיין יענעם לכף חוב אויך, איך האב נישט וואס צו רעדן איינגאנצן פון יענעם.

דאס פייער ברענט ארום מיר, דארף מען דאס לעשן; אז איך קען דאס לעשן אביסל ווייטער - לעשט מען אביסל ווייטער אויך - צו אנדערע אויך ראטעווען - אויב איך קען; און אויב איך קען נישט - דארף איך זעהן צו ראטעווען זיך - ארום זיך.

❖

## "כֹּל אֲשֶׁר יִקְרָא בְּשֵׁם ה' יִמָּלֵט"

אמונה דארף אוודאי האבן חיזוק, אמונה דארף האבן תפילה, אויב נישט איז ער אין א סכנה, פון אמונה אליין קען ער פאלן, עס דארף האבן חיזוק - דער חיזוק איז 'תפילה'! אסאך בעטן דעם אויבערשטן. אויף "וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה"[פד], מאכט דער תרגום: "פּרישן בצלוי"; אמונה דארף האבן תפילה.

(ר' נתן אנשין: וואס מיינט דער רבי אז די אמונה אין צדיק דארף גיין מיט דעת[פה]; וואספארא דעת מיינט מען?) די תורה הקדושה! איינער וועט זאגן - ער גלויבט אין דעם אויבערשטן - און ער וועט נישט לערנען תורה?! - - אוודאי דארף מען דעם דעת תורה, דעם דעת הצדיק; אמונה אליין מוז דאך האבן חיזוק, די מצוות התורה זענען חיזוק, און דער לימוד התורה איז חיזוק, אזוי האלט זיך די אמונה.

---

[פד] שמות יז, יב.

[פה] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' רנ"ה: כְּשֶׁהָאָדָם הוּא מַאֲמִין בְּהַצַּדִּיק בְּלִי שׁוּם דַּעַת אֶפְשָׁר לוֹ לִפֹּל מֵהָאֱמוּנָה, כִּי מֵאֱמוּנָה לְבַד אֶפְשָׁר לִפֹּל, אֲבָל אִם יֵשׁ לוֹ גַּם דַּעַת שֶׁמֵּבִין גַּם בְּהַדַּעַת, אֲזַי אִי אֶפְשָׁר לוֹ לִפֹּל.

פארוואס דער חוקר דארטן וואס עסט מאכלות אסורות, ווערט ביי אים קאליע די אמונה? ווייל עס איז אים אזוי מטמטם דעם נפש אז די אמונה האט נישט קיין פלאץ דארטן. אויב די אמונה האט א חלל אין דער לב פון די טריפה'נע בלוטן, האלט זיך די אמונה, אז נישט - ווערט די אמונה שוואך, די אמונה האט נישט קיין חיזוק. די אמונה מוז האבן חיזוק, די חיזוק איז די תורה הקדושה, די מצוות הקדושות. דער רבי האט מודיע געווען, דער עיקר כח איז בעטן רחמים - בעטן!

א פסוק איז דא אין תרי עשר[פו]: "וְהָיָה כֹּל אֲשֶׁר יִקְרָא בְּשֵׁם ה' יִמָּלֵט" - וועט ער ווערן געראטעוועט. כאטש מיר האבן דאך תורה ומצוות, מוז מען נאך ניצן תפילה דערצו; צו תורה מוז מען נאך האבן תפילה אויך - כדי די אמונה זאל זיין ביי מיר גאנץ.

ער לאקערט אויף די אמונה, אויף צו קאליע מאכן די אמונה!

(ר' נחמן: דער תרגום טייטשט אפ 'אמונה', "פרישן בצלוי"; פארוואס דארף דער תרגום משנה זיין?)

טאקע אזוי, "ויהי ידיו אמונה", פארוואס דארף זאגן דער תרגום "פרישן בצלוי"? דער תירוץ איז, ווייל אָן תפילה איז די אמונה שווער עס זאל זיך האלטן; תפילה - דאס מאכט מיר אז די אמונה זאל זיין שטארק ביי מיר.

נו, דער אויבערשטער זאל אונז העלפן מיר זאלן זוכה זיין מקיים צו זיין.

---

[פו] יואל ג, ה.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

המחותנים:

מו"ה יונה פעדער הי"ו
בארא פארק
לרגל אירוסי בנו החה"ח
סענדר חיים נ"י למזל טוב

מו"ה מנחם דוד לאנדא הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל אירוסי בתו
למזל טוב

מזל טוב מיוחדת לכבוד ידידי
הרב משה אהרן
שטויבער הי"ו
מאנסי
לרגל אירוסי בתו למזל טוב
חבירך: יוסף מענדל האס

הרב יואל בלייער הי"ו
מאנסי
לרגל הכנסת בנו
כמר מרדכי יהודה
לעותומ"צ למזל טוב

מו"ה ברוך גודלבסקי הי"ו
בארא פארק
לרגל אירוסי בתו עב"ג החה"ח
משה יואל הערצאג ני"ו
למזל טוב

מו"ה יעקב גערטנער הי"ו
קרית יואל
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מו"ה אפרים בערנפעלד הי"ו
לעקוואד
לרגל הולדת בנו למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
אלטר נפתלי
בן-ציון בן מינדל
לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה ע"ה בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים